ועיין חגיגה דף ט: דארז"ל יאה עניותא לישראל כברזא סומקא לסוסא חיורא, ורגילין לפרש הכוונה, דחכז"ל שקדו תמיד שלא יתראו בני ישראל בעשרם וכדאמר יעקב אע"ה ג"כ לבניו (בראשית מב, א) למה תתראו כדי שלא יתקנאו בנו האוה"ע ויתעוררו עלינו שנאה וקנאה ואנטיסעמיטע"ן, לכן הזהרו ואמרו לדוגמא ולמשל, כמו שלהסוס אין לובשין תכשיטין כשהוא ברפת רק כשהולך לחוץ ברחובות ובשווקים כן העניות ג"כ יאה ונאה וניכר לכל בר ישראל כשהוא בחוץ בשווקים וברחובות, אבל בפנים בביתו יוכל להיות הכל ברהבה ואף כל טוב וכי טוב ועושר ואושר. ע"כ אבקש עוה"פ שהבנות לא ילכו בזרועות מגולות בישרין ולבבות מגולות אשר זאת הי' ג"כ חטאם הגדול של דור המבול כמבואר בקרא ס"פ בראשית (ו, ב) ויראו בני אלקים את בנות האדם וכו', ותרגום יונתן וחמון בני רברביא את בני אנשא ארום שיפרין הנה וכחלין ופקסין ומהלכין בגלוי בשרא וכו' ע"כ הזהרו ושמרו מאד מאד מתהלוכות כאלו ואז שלום יהי' בחילכם ושלוה בארמנותיכם.

יא) **ובענין** זה אמרתי טעם לשבח על הא דהקפידו חז"ל והובא ברמ"א יור"ד סי' רע"ג (סעיף ו), דנכון לכתוב אותיות **ביה שמו** בס"ת בראש העמוד והוא **ב**ראשית

(בראשית א, א), יהודה (שם מט, ח), הבאים (שמות יד, כח), שמור לך (שם לד, יא), מה טובו אוהלך יעקב (במדבר כד, ה), ואעידה בם את השמים ואת הארץ (דברים לא, כח), ע"ש, מחמת שבאותיות הנ"ל מרומז חינוך היהדות ע"כ נתנים בראש העמוד כדי להודיע שבאותיות האלו רמוז יסוד ועיקר היהדות, והוא בראשית יהודה אתה יודוך אחיך, ר"ל בראשית הכל צריך לידע שיהודי אתה יודוך אחיך גם בחוץ ולא תבוש מפני המלעיגים על צורת היהדות שבך כמו שכ' הרמ"א בסי' א'. ואדון הנביאים משה רבינו ע"ה נענש ע"ז מחמת ששמע שאמרו איש מצרי הצילנו ושתק ולא אמר עברי אנכי כדאיתא במדרש.* ועיין במדרש רבה (שה"ש פ"ו, יז) עה"פ אל גנת אגוז ירדתי, מה אגוז אינו יכול לגנוב את המכם שלו מחמת שהוא נשמע וניכר כך הם ישראל כל מקום שאחד מהם הולך אינו יכול לומר שאינו יהודי למה מפני שהוא ניכר הה"ד (ישעי' סא, ט) כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה'. ואח"כ הבאים אחריך, ר"ל שלא די להפקיע את עצמו להיות עהרליכער יוד אלא צריך להשתדל ולחנך גם את בניו בכל כחו שילכו בתורת ה'. אח"כ שמר, שהוא ר"ת שבת, מילה, ראש חודש, אשר על ג' מצות אלה מסרו ישראל עצמן בימי חשמונאי ובניו, כי היונים רצו לבטל מהם אלו הג' מצות, ומסתמא יש דברים בגו אשר נתנו נפשם לבטל דוקא ג' מצות אלו, ועיין בהקדמת אגודות איזוב אשר כתבתי לס' מקוה טהרה ותמצא טעם לשבח ע"ז, ע"כ שמר לך.

**ואח"כ** אמר מה טובו אוהליך יעקב דקאי על הבתי כנסיות להזהר ולהשמר להתפלל בביהכ"נ במנין ערב ובוקר כמו שארז"ל כל מי שיש לו ביהכ"נ בעירו ואינו נכנס להתפלל נקרא שכן רע (ברכות ח.), וגם כמו שפירש"י (במדבר כד, ה, ד"ה מה טובו), ראה שאין פתחיהן מכוונים זה כנגד זה,

* (דב"ר ב', ח').

דכל המחלוקות וריבות וקנאות ושנאת חנם באים עי"ז מחמת שפתחיהן מכוונים וכל אחד רואה עסקי חבירו ובאים לידי השגת גבול וכדומה, ע"כ צריך להיות מה טובו בראש תעמוד לדעת ולהיות תמיד נגד עיניו שלא להסתכל בפתחו של חבירו לידע מטמנותיו. ואחר כך אמר ואעידה בם את השמים ואת הארץ, אם את כל הדברים הנ"ל תעשו, אז ואעידה בם את השמים ואת הארץ כדפירש"י תחילת פ' האזינו (דברים לב, א) לפיכך העיד בהם שמים וארץ שהם קיימים לעולם ועד, שאם יזכו יבואו העדים ויתנו שכרם הגפן תתן פריה והארץ תתן יבולה והשמים יתנו טלם, אמן כן יה"ר. ולכמה שיטות הש' הוא שופטים ושוטרים תתן לך (דברים טז, יח) כמובא בש"ך שם (ס"ק ה), ג"כ א"ש, דצריך לראות ולהשתדל שהשופטים אשר יהי' בימיך יהי' יראי השם ות"ח באמת, כי גופא בתר רישא גריר. ואם את הדברים הנ"ל של סימן בי"ה שמ"ו תצפינו על לוח לבכם בכל פרטיה ודקדוקיה על דרך שכתבנו למעלה אז השי"ת יהיה בעזרכם ותהיו כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול וכל אשר תעשו תצליחו אכי"ה.

יב) **ארז"ל** סנהדרין ז. אשר תחלת דינו של אדם הוא על דברי תורה. ע"כ אבקש מכם אהובי בניי שיחי' וזרע זרעי אשר ישנו פה אתנו היום ואת אשר איננו פה אתנו היום, תראו לקבוע עתים לתוה"ק, ואף אם תהי' טרודים בעסקים גדולים והיצה"ר יפתה אתכם שאין לכם פנאי אל תאבו לו ואל תשמעו אליו ותגזלו את הזמן לת"ת, וע"כ שואלין אותו בלשון קבעת עתים לתורה כדברי רז"ל (שבת לא.) ולא בלשון למדת תורה, ר"ל אף שלא הי' לך פנאי מחמת עסקך הגדולים האם גזלת לך העת, מלשון וקובע את קובעיהם נפש (משלי כב, כג), ור' אלעזר בן חרסום במסכת יומא (דף לה:) יוכיח. ע"כ יהי' לכם זה לחוק ולא יעבור

אף יום אחד בלי קביעות עת לתוה״ק, וכל אחד לפום דרגא דלי׳ למי שחוננו השי״ת דעה בינה ללמוד גמרא ופוסקים, משניות, חומש ורש״י, אף ספרי ע״ט המיוסדים על אגדות חכז״ל על הכלל של ראשית חכמה יראת השם, או ספר חיי אדם וקצשו״ע בלשון עברי טייטש, כל או״א לפי יכולתו, ולפי ידיעתו, ולפום דרגא דליה, ואם כה תעשו אזי יתקיים בכם ברכות הנאמרות בתוה״ק אורך ימים בימינו ובשמאלו עושר וכבוד אמן כיה״ר.

יג) **וכמו** כן ארז״ל שבת לא. ששואלין ביומא דדינא רבה נשאת ונתת באמונה, ע״כ הוי זהירין שכל עסקיכם יתנהלו באמונה, ובזה תקיימו מ״ע הרבות כמו הן צדק ואיפת צדק יהי׳ לך (ויקרא יט, לו), וכדרשת חכז״ל (ב״מ מט.) הן שלך יהי׳ צדק ולאו שלך יהי׳ צדק, מאזני צדק יהי׳ לך, וכדומה הרבה מאד. ואם יהי׳ לכם איזה סכסוך בין איש לרעהו או דברי ריבות בשעריכם אל תלכו בדרך ערכאות רק הכל יהי׳ עפ״י ד״ת או ע״י איזה אנשים אנשי מדע יודעים בטיב מקנה וקנין או עפי״ד פשרה בין אוהבים. וכלל זה יהי׳ תמיד בין עיניכם דאמרו אינשא טובה פשרה כחושה מדין שמינה, ואז יתקיים בכם מאה״כ (משלי י, כב) ברכת ה׳ היא תעשיר וכו׳.

יד) **הזהרו** והשמרו לכם לשנוא את רעיכם בלבבכם עד שתשאלו אותו מדוע עשה לך ככה שיגרום שנאה עליו, כי אולי שקר העידו בך עליו ואין לו שום אשמה בדבר הזה אשר אתה מדמה עליו, וע״ז נאמר בתוה״ק (ויקרא יט, יז) לא תשנא את אחיך בלבבך. וזה לשון החינוך מצוה רל״ח, שנאת הלב הוא קשה מכל שנאה הגלויה ועליה תזהיר התורה ביותר, שורש המצוה ידועה כי שנאת הלב גורמת רעות גדולות בין בני אדם להיות תמיד חרב איש באחיו

ואיש ברעהו והוא סיבה לכל המסירות הנעשים בין אנשים והיא המדה הפחותה והנמאסת תכלית המיאוס בעיני כל בעלי שכל, עכל"ק. וז"ל הקודש של הרמב"ן על הפסוק הנ"ל, ויאמר הכתוב אל תשנא את אחיך בלבבך בעשותו לך שלא כרצונך, אבל תוכיחנו מדוע ככה עשית עמדי, ולא תשא עליו חטא לכסות שנאתו בלבך ולא תגיד לו, כי בהוכיחך אותו יתנצל לך או ישוב ויתודה על חטאו ויתכפר לו עכ"ל. ע"כ יהי' הדבר הזה לכם לזכרון ואז כל רעה אליכם לא תאונה.

טו) **והנה** לא זכיתי להניח ולהוריש לכם בית והון לנחלת אבות ואפילו קבא דמוריקא לא הנחתי, ע"כ כל הספרים שיש לי וכל השוה כסף תחלקו ביניכם שוה בשוה, חוץ מהס"ת אשר ירשתי מאבא מארי זי"ע ינתן דייקא להבנים זכרים כדי לקיים מצות ירושה דאורייתא, והיות שהוא דבר אשר א"א לחלקו לכמה חלקים ע"כ תחלוקו לפי דעתכם או עפ"י רוב דעות. ועל הכתונת יהי' מרוקם שמי ושם אבא מארי זי"ע לזכרון.

טז) **לחלק** לעניים ביום ההוא כפי הכתוב בהכנה דרבה אות ל', ואף שיודע אני בעצמי שאף האבנט אינו שלי, עכ"ז ימכרו על הדבר הזה מספרי מקוה טהרה אשר לי ומשאר ספרים ויעשה עפ"י חשבון הפרוטות היותר קטנות כגון 1 העללער שטיקלעך עכ"פ הצלה פורתא מיהת הוה, וכמו כן ליתן להחברה קדישא ח"י כתרים עבור הקרקע כדי שיהי' קנוי לי.

יז) **אתם** אנשי לבב ק"ק יארע יצ"ו זה שנים רבות אשר אנכי הפעוט לכם לרב ומורה דרך ה', ואתם החזקתם אותי בכבוד ובדרך ארץ כפי יכולתכם, אולי חטאתי נגד אחד מכם או הרעותי את אחד מכם הן בדיבור הן במעשת

והן בהוראה או ח"ו הלבנתי פניו של אחד מכם, או אולי לקחתי מעות של אחד מכם שלא ביושר, על הכל אני מתחרט ואני מבקש מטותא ואבקש שכל אחד מכם ימחול לי בלב שלם. וכן אני מבקש מכל אחיי ורעיי אשר הי' לי עמהם איזה פתחון פה או דברתי שלא לכבודו על הכל אני מתחרט ומבקש מטותא.

יח) **אני** מבקש מכם אנשי קהל עדתי יארע יע"א שתמשכו חוט של חסד עלי גם להלאה לאלמנותי תחי' או ליו"ח שיחי' אם יהי' נצרכים לזה ותשימו את נזר הרבנות על אחד מזרעי או ליקח לאחד מבנותי שיחי' חתן רב ומורה הוראה.

יט) **בכל** רגל בעת הזכרת נשמות יעשה החזן הזכרה לטובה גם לנשמתי, וכמו כן בכל יום הכיפורים ידליקו נר נשמה עבורי בביהכ"נ במקומי במקום שהייתי אני רגיל להדליק והנר ההוא ישולם מקופת הקהל.

כ) **הצוואה** הלז תהי' ביד כל אחד מזרעי העתקה ויקראנה ביום היא"צ, וכן ביד זרעכם אחריכם למען לא ימוש זכרוני מלפניכם. ואף גם זאת אבקש מכל יו"ח אשר ביום היא"צ תתנו צדקה כיד ה' הטובה עליכם, ולכה"פ סעודה אחת לעני הנצרך לזה ותכוונו שתהי' לתועלת נשמתי.

**ועוד** הפעם אני אחלה ואבקש את קרוביי הן מצד אבי זצ"ל ומצד אמי הצדיקת ע"ה והן מצד זוגתי אשת נעורי הצדיקת ע"ה שתראו להשתדל בכל מאמצי כוחכם לטובת היתומים ובטחוני חזק באב הרחמן ית"ש אבי יתומים ודיין אלמנות יחום וירחם עליהם ויתקיים בהם מאה"כ (תהלים

לז, ג) בטח בד' ועשה טוב שכון בארץ ורעה אמונה וכו' ויתענג על ד' ויתן לך משאלות לבך אכי"ר.

כא) **וכלפי** שאמרו חכז"ל (ב"ב קס"א:) מחזירין מענינו של שטר בשיטה אחרונה, גלל כן באתי בזה עוה"פ להזהיר לבקש אתכם ככל אשר יורה אתכם אביכם ובפרט בנותיי וכלותיי אשר ישנו פה ואת אשר איננו עדיין פה שיתנהגו וילכו בדרך טובים ישראל סבא הטוב והישר בעיני אלקים ואדם.

כב) **והנה** אף שצעיר אנכי, עכ"ז זחלתי ואירא כי ערום אנכי בעוה"ר, ומי לא יחרד חרדת ר' יוחנן בן זכאי, בפרט איש כמוני אשר חטאתי נגדי תמיד, עכ"ז אקוה אשר ע"י בניי וכל יו"ח אשר רואה אנכי ב"ה בהם סימן ברכת, ורוח טהרה, אנקה מחטאי, כי ברא מזכה אבא (סנהדרין קד.), ע"ד כה אמר ד' לבית יעקב אשר פדה את אברהם, ה' יזכני לגדלם לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך בריאת הגוף ומתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה ומתוך עושר וכבוד, ויתקיים בי מקרא שכתוב לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם, ואומר עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינו ובשמאלו עושר וכבוד אכיה"ר.

**ואחר** כל זה אני תמיד איחל לרופא חנם ית"ש שישלח לי רפו"ש מן השמים רפוה"נ ורפוה"ג כי לא יפלא ממנו דבר, להוסיף לי עוד אורך ימים ושנות חיים ואזכה לגדל את כל יו"ח לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, ואך טוב וחסד ירדפוני כל ימי חיי ושבתי בבית ה' לאורך ימים, ובקיבוץ נדחי ישראל יוליכנו קוממיות לארצנו בב"א.

**בעה"ח** פק"ק אונגוואר יע"א ב' פ' עקב לס' ברוך תהי' מכל העמים תרצ"ג לפ"ק.

**הק' יקותיאל יהודא גרינוואלד**

**בלאאמו"ר הגה"ק מהר"ם זצלה"ה**

ב"ה

קונטרס

# זכרון אב

די צוואה פון

הרב הגאון הצדיק ענוותן כהלל חכם לב כקש"ת

## מו"ה יקותיאל יהודה גרינוואלד זצ"ל

אבדק"ק יארע יע"א

בן לאותו צדיק הגאון הקדוש ראש גולת אריאל

מרן משה בן הגה"צ עמרם זצ"ל

בעל ערוגת הבשם זי"ע

דער ספר איז געשריבן געוואָרן אריגינעל אין לשון הקודש, און עס איז שוין געדרוקט געוואָרן עטליכע מאָל, וכדי לזכות את הרבים האָבן מיר דאָס יעצט איבערגעזעצט אויף אידיש

ארויסגעגעבן בעזרת השם יתברך דורך זיין אייניקל

משה יחזקאל שרגא גרינוואלד

שנת התשמ"ח

# תוכן הענינים — אינהאלט


| | עמוד |
|---|---|
| הקדמת המחבר — פארוואָרט | ה |
| אות א׳ — גאוה | ט |
| אות ב׳ — לשון הרע | יג |
| אות ג׳ — כעס | טו |
| אות ד׳ — ליצנות | כב |
| אות ה׳ — צדקה | כז |
| אות ו׳ — ביקור חולים | מ |
| אות ז׳ — לבוש, מותרות | מג |
| אות ח׳ — יסודות פון אידישקייט | מח |
| אות ט׳ — תורה | נא |
| אות י׳ — אמונה | נג |
| אות יא — שנאת הלב | נד |
| אות יב — שלוסוואָרט | נה |


●

די הערות פון א׳ צו ט׳, זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך דעם אַרויסגעבער.

◆

# קונטרס זכרון אב

## בעזהשי"ת.

### לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתי'

**צעיר אנכי לימים** . . . איך בין נאך יונג אין יארן, און איך פארמאג נאך נישט קיין פארשטאנד, ווייל איך בין נאך נישט צוגעקומען צו פופציג יאר, אויף וועלכע די חז"ל זאגן (אבות פרק ה, משנה כא) „בן חמשים לעצה" — אז ביי פופציג יאר קען א מענטש פארשטיין וואס איז ריכטיגער און בעסער פאר אים פון צוויי מעגליכקייטן וואס שטייען פאר אים. אבער עס איז שוין צוועלף יאר וואס איך בין ערוועקט געווארן דורך דעם דערבארעמדיגן פאטער אין הימל ית"ש וועלכער וועקט אויף די פארשלאפענע, מיט שווערע יסורים אויף די נירן, און איך האב צוויי מאל געמוזט אדורך גיין אפעראציעס, דעם ערשטן מאל אין אנהויב זומער פון יאר תרפ"א, און דעם צווייטן מאל אין זומער פון יאר תרפ"ט. געלויבט איז דער אויבערשטער און געלויבט איז זיין גרויסער נאמען וואס ער האט מיר נישט פארלאזט און מיר בשלום אדורך געפירט דורך די מעסערס, אזוי אז איך בין אויסגעהיילט געווארן פון די מחלה. אבער בעונותי הרבים, צוליב מיינע פילע זינד, איז שוין העכער א יאר וואס עס איז מקויים געווארן ביי מיר די מליצה פון פייטן „נסתי מהדוב ופגעתי בארי" איך בין אנטלאפן פון בער און עס האט מיר געטראפן דער לייב, דאס איז א שווערע הארץ קראנקהייט פון וועלכע איך לייד.

אבער איך פארליר חס ושלום נישט מיין האפענונג פון באשעפער, נאר „עזרי מעם ה׳ עושה שמים וארץ״, מיין הילף וועט קומען פון דעם באשעפער וואס האט באשאפן הימל און ערד, און אין אים האב איך מיך פארזיכערט און איך בין געהאלפן געווארן, האף איך אז ער וועט מיר אויך פון דעם באפרייען און דורך פירן בשלום, אויב נישט צוליב מיר, דאן אין זכות פון מיינע הייליגע עלטערן זי״ע, און אין זכות פון מיינע פיצלעך קינדער וואס זענען אומשולדיג און האבן קיינמאל נישט געזינדיגט.

פונדעסטוועגן, חושש זיין פארן לעבן דארף מען נאך אלץ, טאמער וועלן די זינד גורם זיין, און ווער איז דען גרעסער פון יעקב אבינו ע״ה דער אויסדערוויילטער פון די הייליגע אבות, און אויב ער האט זיך געפארכטן פאר זיין לעבן צוליב א חשש אז די זינד וועלן גורם זיין, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית לב, יא) „קטנתי מכל החסדים״, אויף וועלכע רש״י זאגט „טאמער בין איך פארשמירט געווארן מיט זינד״, און דער תרגום זאגט „מיינע זכיות זענען ווייניג״, אויב דאס האט געזאגט אונזער פאטער יעקב ע״ה, טא וואס זאל שוין זאגן אזא ווארים און קליינער פליג מיט אפגעהאקטע פליגלען ווי איך בין? ווער קען זיך דען נישט שרעקן? ווען כאפט דאס נישט אן דער שרעקליכער ציטער פון רבי יוחנן בן זכאי?א.

---

א) אין די גמרא (מסכת ברכות כ״ח, ע״ב) ווערט געברענגט, ווען רבי יוחנן בן זכאי איז קראנק געווארן זענען זיינע תלמידים אריין אים מבקר חולה זיין. ווען ער האט זיי דערזען האט ער אנגעהויבן צו וויינען. האבן אים די תלמידים געפרעגט: „רבי! פארוואס וויינסטו?״ האט ער זיי געענטפערט: „ווען מען וואלט מיר געפירט צום משפט פאר א מלך בשר ודם וואס היינט איז ער דא און מארגן קען ער זיך

דעריבער האָב איך געטראַכט אַז עס איז שוין צייט צו מקיים זיין דאָס וואָס דער גרעסטער חכם אויף דער וועלט האָט אונז געזאָגט (שיר השירים א, ח), „צאי לך בעקבי הצאן" וואָס מיינט — לויט רש"י ז"ל — „טראַכט אריין און זיי דיך מתבונן אין די וועגן פון דיינע פריערדיגע עלטערן וועלכע האָבן מקבל געווען די תורה און איר שטאַרק אָפּגעהיטן און גיי אין זייערע וועגן". און מיר געפינען אין די תורה (בראשית יח, יט), אַז כביכול דער באַשעפער האָט געריםט אונזער הייליגן פאָטער אברהם אבינו ע"ה, פאַר דעם וואָס ער האָט באַפוילן פאַר זיינע קינדער און דורות נאָך אים, אַז זיי זאָלן גיין אין ג־ט'ס וועגן, ווי עס שטייט „למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט למען הביא ה' על אברהם את אשר דבר עליו" זאָגט דערויף רש"י עס שטייט „למען הביא על אברהם" און לכאורה האָט דאָך אברהם דאָ געלאָזט אַ צוואה אַז זיינע דורות נאָך אים זאָלן היטן די תורה האָט ער געדאַרפט זאָגן „למען הביא על בית אברהם" אויף די קינדער פון אברהם ווייל ער וועט דאָך

---

געפינען אין קבר, און אפילו ווען ער זאָל מיר הרג'ענען, איז דאָס נישט קיין אייביגער טויט, ווייל דער עולם הבא בלייבט דאָך איבער, און איך קען אים מפייס זיין מיט רייד און אים געבן שוחד פון געלט, אָבער טראָץ דעם וואָלט איך זיך געשראָקן דערפון. הייננט אַז מען גייט מיר פירן פאַרן מלך מלכי המלכים דעם אויבערשטן וועלכער איז חי וקיים אויף אייביג, און אויב ער איז חלילה גוזר אויף מיר מיתה איז דאָס אַן אייביגער טויט, און אים קען מען נישט איבעררעדן מיט גלאַטע רייד אָדער געבן שוחד פון געלט. עס שטייען פאַר מיר אַצינד צוויי וועגן, איין וועג פון דעם גיהנום און דער אַנדערער וועג איז צום גן עדן, און איך ווייס נישט אין וועלכן וועג מען וועט מיר פירן, נו זאָל איך נישט וויינען ?".

שוין דעמאלט מער נישט זיין אויף דעם עולם? נאר זאגט רש"י, אז דעריבער שטייט טאקע "על אברהם" ווייל פון דאנעט איז געדרונגען אז איינער לאזט איבער נאך זיין לעבן א זון א צדיק איז ווי ער וואלט גארנישט געשטארבן, וועלן טאקע די ברכות קומען אויף אברהם אליין כאטש ער וועט שוין דעמאלט נישט זיין אויף דעם עולם.

דעריבער האב איך באשלאסן צו מוציא זיין מן הכח אל הפועל מיינע מחשבות וואס זענען ביז אצינד געווען באהאלטן אין די טיפענישן פון מיין הארץ, און נעמען א פעדער מיט טינט דאס אראפ צו שרייבן אויף פאפיר כדי עס זאל שטיין און פארבלייבן אויף לאנגע יארן. און איך טו בעטן מיינע זין און טעכטער וואס יעדער איינער פון אייך איז צוגעבונדן צו מיין זעהל, למען השם שוינט מיר און האט רחמנות אויף מיר, גייט אין גוטע ערליכע דרכים אזוי אז דאס יראת שמים זאל ליגן אויף אייער געזיכט און יעדער וואס וועט אייך זען זאל באלד וויסן און דערקענען אז דאס איז קינדער וואס זענען געבענטשט פון באשעפער, כדי מיר זאלן זיך נישט דארפן שעמען נישט אויף דער וועלט און נישט אויף די קומענדיגע וועלט, און עס זאל מקויים ווערן ביי מיר דער פסוק (ישעי' כט, כב) "כה אמר ה' לבית יעקב אשר פדה את אברהם" און ווי די חז"ל דרש'ענען דאס (סנהדרין יט, ע"ב) אז יעקב האט טאקע אויסגעלייזט אברהם.

## א.

## גאוה

**אז** דער איבערשטער וועט אייך העלפן און איר וועט זוכה זיין צו שטייגן אין תורה און אויך צו עררייכן עשירות ווי איך האף צו דעם, זאלט איר זיין געווארנט זיך נישט צו גרויס האלטן, איר זאלט זיך דערווייטערן פון גאוה ווייל „תועבת ה׳ כל גבה לב" (משלי טז, ה). אונזערע חז״ל זאגן שוין (פסחים סו, ע״ב), „איינער וואס האלט זיך שטאלץ, אויב ער איז א חכם קערט זיך פון אים אפ זיין קלוגשאפט". אזוי אויך זאגן אונזערע חכמים ז״ל (עבודה זרה יח, ע״ב) „יעדער וואס האלט זיך שטאלץ פאלט אריין אין גיהנום".

**און** זע אין מס׳ סוטה (ה׳ ע״א) „רבי יוחנן זאגט אז יעדער מאן וואס האט אין זיך גרויסהאלטעריי ווערט צום סוף נכשל אין א הארבע עבירה. רבי שמעון בר יוחאי זאגט אז ער איז געגליכן צו איינעם וואס דינט עבודה זרה, רבי יוחנן זאגט אז דאס איז ווי ער וואלט געווען א כופר בעיקר, רב חמא בר חנינא זאגט אז גאוה איז ווי גילוי עריות, עולא זאגט אז ער איז ווי איינער וואס דינט עבודה זרה (זע רש״י), רב עוירא אין נאמען פון רב אמי און רב אסי זאגט אז זיין סוף וועט זיין אז ער וועט דערנידערט ווערן, רב אלעזר זאגט אז מען דארף אזא איינעם אויסשניידן און אויסרייסן ווי אן עבודה זרה, און נאך זאגט רב אלעזר אז ער שטייט נישט אויף צו תחית המתים און די שכינה כביכול קלאגט אויף אים, רב חסדא זאגט אז דער רבונו של עולם כביכול זאגט אז איך קען מיט א בעל גאוה נישט זיין צוזאמען אויף איין וועלט, רב אלכסנדרי זאגט אז אפילו א קליינע פלאג, א גרינגע מכה, וואס קומט אויף אים טוט אים

שוין אויסרייסן". אזוי אויך זאָגן די חכמים (בבא בתרא צח, ע"א) „איינער וואָס האלט זיך גרויס, אפילו זיינע הויז מענטשן קענען אים נישט ליידן". און אין מגילה (דף כט, ע"א) זאָגט די גמרא „דער וואָס האלט זיך גרויס איז פשוט אַ בעל מום".

און נישט אומזיסט זאָגן די חז"ל (אבות פרק ד, משנה ד) „מאד מאד הוי שפל רוח", זאָלסט זיך זייער שטאַרק קליין האלטן, ווייל פאַר דעם בעל גאוה זענען אַלע טעג שלעכטע און פאַרשאָלטענע פול מיט צער און ווייטאָגן ווייל דער גאַנצער כבוד וואָס מען זאָל אים נאָר געבן איז אים צו ווינציג. מיט זיין אייגענעם געוויסן קען ער נישט שלום מאַכן, ווייל פאַר אים איז קיינער קיינמאָל נישט יוצא געווען און ער איז קיינעם נישט מכיר טובה, ווייל ער רעדט זיך דאָך איין אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב אים. און דעריבער ברענגט ער אויף זיך די פיינטשאַפט פון מענטשן, מען קען אים נישט ליידן, און מען דערווייטערט זיך פון אים ווי ווייט מעגליך.

און כאָטש די חז"ל זאָגן דאָך (סוטה ה, ע"א) אַז אַ תלמיד חכם מעג האָבן אַ שמיני שבשמינית פון גאוה, איז מען דאָך שוין געוואוינט צו אויסטייטשן אַז שמיני שבשמינית מיינט דעם פסוק קטונתי מכל החסדים וואָס יעקב אבינו האָט געזאָגט אַז ער איז קליין און נישט ווערט צו די חסדים, ווייל אָט דער פסוק איז דער אַכטער פסוק פון די אַכטע סדרה [פון ספר בראשית], און דאָס מיינט אַז דער תלמיד חכם דאַרף שטענדיג האָבן פאַר זיך דעם שמיני שבשמינית, דעם אַכטן פסוק פון די אַכטע פרשה קטונתי מכל החסדים ב.

---

ב) זע אין ספר קב הישר פרק סה אות ז׳.

**מכל** שכן אז איר וועט זוכה זיין און ווערן רבנים און מנהיגים, זאָלט איר זיך חלילה נישט גרוים האַלטן, און איר זאָלט שטענדיג האָבן פאַר די אויגן דעם מאמר חז"ל (בבא מציעא פה, ע"ב) „יעדער וואָס מאַכט זיך קליין אויף תורה אין דעם עולם ווערט דערהויבן אין עולם הבא". טראָץ דעם האָט יעדער כלל אויך אַ יוצא מן הכלל ווי מיר געפינען (כתובות קג, ע"ב) אַז רבינו הקדוש זי"ע האָט באַפוילן זיין זון „נהוג נשיאותך ברמה וזרוק מרה בתלמידים" ד. ה. דו זאָלסט פירן דיין נשיאות אָדער רבנות מיט פעסטקייט כדי דו זאָלסט נישט גרינג מאַכן דעם רבנות אין די אויגן פון ציבור, און זאָלסט זען אַז דיין שרעק זאָל ליגן אויף די תלמידים זיי זאָלן פון דיר מורא האָבן.

**דער** עיקר איז אַז יעדער טריט און שריט זאָל זיין לשם שמים און מיט יראת שמים אַזוי ווי איך האָב געזען ברענגען אין נאָמען פון הגה"ק בעל שפת אמת פון גור זי"ע, אַז פאַרוואָס האָבן די חז"ל אומעטום אָנגעכאַפּט דעם לשון פון יראת שמים און נישט יראת השם א. ד. ג.? האָט ער גע־ענטפערט לויט דעם וואָס די חז"ל זאָגן (חגיגה יב, ע"א) און עס ווערט אויך געברענגט אין רש"י בראשית (פסוק ו) אויפן פסוק „יהי רקיע" אַז דער פשט איז, דער באַשעפער האָט באַפוילן אַז דער הימל זאָל פאַרשטאַרקט ווערן ווייל עס איז געווען ווייך און שיטער, און אויף כביכול'ס באַפעל זענען זיי גע־וואָרן האַרט און פעסט ווי עס שטייט אין פסוק (איוב כו, יא) „עמודי שמים ירופפו יתמהו מגערתו" ד. ה. אַז די זיילן פון הימל האָבן זיך געוואַקלט, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף איין אָרט פון אויבערשטנס באַפעל, ווי אַ מענטש וואָס גיט זיך פלוצלונג אַ שטעל אָפּ אויפן אָרט פון שרעק און ציטער פון איינעם וואָס שרעקט אים איבער.

זעען מיר דאך דערפון אז די הימלען שטייען נאך פון דעמאלט ביים בריאת העולם ביז היינט פעסט און שטייף אויף זייער ארט זינט יענעם באפעל פון הקדוש ברוך הוא וועמענס שרעק עס ליגט נאך אויף זיי ביז צום היינטיגן טאג, נישט ווי א מענטש וואס דערשרעקט זיך פון א פלוצלונדיגע געשריי פון אן אנדערן מענטש, וואס דער שרעק דויערט נאר אויף א רגע ביז ער גיט זיך א דריי און זעט ווער דאס איז, ווער עס באפאלט אים. ביים הימל איז אנדערש, זייער פחד און יראה פון אויבערשטן איז פארבליבן אויף אייביג און אזוי שטייען זיי פארגליווערט אויפן ארט מיט יראה און שרעק. און דאס איז דער תירוץ, דעריבער זאגן אלץ די חז"ל יראת שמים ווייל די שרעק, דער ציטער וואס דער מענטש דארף האבן פון כביכול איז ווי די יראה פון שמים, פון הימל, וואס בלייבט שטענדיג פאראייביגט, אט דער זעלבער יראת שמים דארף ברענען און פארבלייבן אין הארץ פון מענטש ווי אן אש תמיד וואס טוט קיינמאל נישט פארלאשן ווערן.

אזוי אויך זאלט איר שטענדיג האלטן פאר די אויגן דעם מאמר חז"ל (פסחים כב, ע"ב) „את ה' אלקיך תירא (דברים י, כ) לרבות תלמידי חכמים" און ווי רש"י זאגט „ס'זאל זיין מורא רבך כמורא שמים", אז מען דארף מורא האבן פון א תלמיד חכם. איר זאלט מכבד זיין תלמידי חכמים כאטש זיי זענען ביטערע ארימעלייט, ווייל אז דער המון עם זעט אז מען איז מער מכבד די עשירים פון די תלמידי חכמים ברענגט דאס אז די תורה ווערט חלילה ביליג ווי מיר זעען פון פאקטישן לעבן. עס איז דא פיל צו רעדן וועגן דעם ענין, אבער צוליב מיין שוואכקייט וועל איך נישט מאריך זיין און איך וועל זיך באגנוגן מיט דעם קליינעם באמערקונג. טראץ דעם איז אויך אין אט דעם כלל פאראן א יוצא מן הכלל אויף וועלכן עס איז געזאגט געווארן (תהלים קיט, קכו) „עת לעשות

להשם הפרו תורתך" (זע מס' ברכות סג, ע"א און רש"י דארט), דער עיקר דארף זיין אז אלעס זאל מען טאן מיט חכמה און פארשטאנד לשם שמים באמת.

◆

## ב.

## לשון הרע

אזוי אויך זאלט איר זיין געווארנט פון לשון הרע און רכילות, און נישט נאר פון צו רעדן נאר אויך פון צו הערן, ווי די חז"ל זאגן (כתובות ה, ע"ב) „פארוואס זענען די פינגער פון מענטש שפיציג ווי נעגל? כדי אז אויב ער וועט הערן זאכן וואס מען טאר נישט זאל ער אריין טאן זיינע פינגער אין די אויערן". אזוי אויך ווערט דארט געברענגט „פארוואס איז דער גאנצער אויער הארטליך און דער אונ-טערשטער לעפל איז ווייך? כדי אז ווען ער וועט הערן שעדליכע רייד זאל ער אריין בייגן דעם לעפל אין אויער אז ער זאל נישט הערן".

אין מסכת פסחים (דף קיח, ע"א) זאגט די גמרא אז „ווער עס דערציילט לשון הרע און ווער עס איז מקבל לשון הרע איז ער ווערט מען זאל אים ווארפן צו די הינט. אויך אין מסכת ערכין (דף טו), ווערט געברענגט עטליכע מימרות פון די תנאים ואמוראים וועגן דעם גרויסן פגם און שעדליכקייט, פון לשון הרע. אין די משנה דארט שטייט אז „דער גזר דין פון אונזערע עלטערן אין מדבר אז זיי זאלן שטארבן אין

מדבר און נישט זוכה זיין צו אריין גיין אין ארץ ישראל איז גע'התמ'עט געווארן נאר ווייל זיי האבן גערעדט לשון הרע" ג. די גמרא דארטן ברענגט „רבי יוחנן זאגט, דער וואס דער־ציילט לשון הרע איז ווי ער וואלט געווען א כופר בעיקר, רבי יוסי זאגט עס קומען אויף אים נגעים, ריש לקיש זאגט אז ער מאכט גרויס זיינע עבירות ביז צום הימל, רב חסדא זאגט אין נאמען פון מר עוקבא אז ער איז ווערט מען זאל אים פארשטיינערן און כביכול זאגט פארן שר הגיהנום אז איך מיט דיר וועלן אים שטראפן צוזאמען, איך כביכול, פון אויבן און דו פון אונטן, רב חסדא זאגט אז אויף איינעם וואס רעדט לשון הרע זאגט כביכול דער אויבערשטער אז ער און איך קענען נישט וואוינען צוזאמען אויף איין עולם, רב אחא זאגט אז ער איז א פארלוירענער ווייל דוד המלך האט אים שוין פארשאלטן מיט כרת און געזאגט (תהלים יב, ד) „יכרת ה' כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות", רבי ישמעאל זאגט אז א מספר לשון הרע זענען זיינע עבירות גרויס קעגן די דריי הארבע עבירות פון גלוי עריות, עבודה זרה, און שפיכות דמים (דער מהרש"א זאגט דארטן פשט, אז דאס מיינט אז די עבירה פון רעדן לשון הרע ברענגט צו דעם מענטש צו די ערגסטע עבירות), און זע דארט אין די גמרא נאך, וועגן די שרעקליכע הארבקייט פון לשון הרע.

---

ג) דער שפת אמת באמערקט אז אויך דער וואס נעמט אן לשון הרע וואס א צווייטער דערציילט כאטש ער אליין רעדט נישט קיין לשון הרע איז דאס אויך פונקט אזוי הארב. ווייל דער דור המדבר וואס האט נישט זוכה געווען צו אריין גיין אין ארץ ישראל האט דאך נישט גערעדט קיין לשון הרע נאר אנגענומען וואס די מרגלים האבן דערציילט. דעריבער דארף מען זיין זייער געווארנט נישט צו הערן אדער אננעמען לשון הרע.

**אבער** אויך אין דעם ענין איז פאראן א יוצא מן הכלל ווייל מיר געפינען אין ירושלמי (מסכת פאה, פרק א) אז מען מעג דערציילן לשון הרע אויף בעלי מחלוקת ד. אבער איין אייזערנעם כלל זאלט איר האבן אין די הענט, אז די כוונה זאל זיין לשם שמים און נישט צו זיין א נאר וואס גלייבט אלעם וואס דער יצר הרע וועט דיר וועלן איינרעדן אז אין אזא און אזא פאל מעג מען רעדן לשון הרע, ווי דער אויבנדערמאנטער ירושלמי, אדער מען מעג זיך גרוים האלטן, נאר איר זאלט טאן מיט חכמה און נאר ווען די זאך איז קלאר אן קיין שום צווייפל דעמאלט זאלט איר טאן יעדע זאך.

◆

ג.

## כעם

**אזוי** אויך זאלט איר זיך אפהיטן פון כעס און קפדנות, ווייל גאוה מיט כעס זענען ביידע געבונדן און באהאפטן, און זיי זענען די ערגסטע טומאה, און צווישן די אלע געמיינע

---

ד) אין גליון הש״ס ברענגט רבי עקיבא איגר זצ״ל אז דאס וואס מען מעג דערציילן לשון הרע אויף בעלי מחלוקת איז נאר כדי צו שטיל מאכן די מחלוקת אבער געוויס איז אז מען טאר נישט גיסן אויל אויפן פייער פון מחלוקת דורך דערציילן לשון הרע וואס קען נאך ערגער מאכן די קריגעריי. און זעה חפץ חיים הלכות לשה״ר כלל ח׳ אות ח׳, און כלל ה׳ סוף אות ג׳ אין הגה״ה.

מדות איז נישטאָ אזא שלעכטע ווי אָט די צוויי. מיין מיינונג איז אַז די מדה פון כעס איז אַ צווייג וואָס גייט אַרויס פון גאוה, וועלכע דער ספר הסמ"ג ציילט צווישן די תרי"ג מצות (לא תעשה), ד. ה. אַז כעס איז אַ תולדה פון די לא תעשה פון גאוה. און אונזערע חכמים ז"ל האָבן געזאָגט (תמיד לב, ע"א) „איזהו חכם הרואה את הנולד" דער וואָס זעט וואָס עס קומט אַרויס פון יעדע זאַך, ער זעט די תולדות, און זע אין ספר בכור שור סוף מסכת שבת (ד"ה חשבונות של מה בכך) ווי ער זאָגט דאָרט אינמיטן „איזהו חכם הרואה את הנולד" אַז ביי יעדע עבירה זענען פאַראַן אבות און תולדות ווי צום ביישפּיל ביי עבודה זרה איז דער אב דאָס פּאַקטיש דינען עבודה זרה ממש, און די תולדה איז גרויסהאַלטעריי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת סוטה (ה, ע"א) אַז דאָס איז אַזוי ווי דינען עבודה זרה, אָדער ווי די גמרא זאָגט (בבא בתרא י, ע"א) אַז דער וואָס מאַכט זיך נישט ווויסנדיג פון צדקה און וויל נישט געבן איז ווי ער וואָלט געדינט עבוחה זרה. אָדער איינער וואָס האַלט נישט זיין וואָרט איז ווי ער דינט עבודה זרה (סנהדרין צב, ע"א) און כל שכן אַז ער האַלט נישט אַ תקיעת כף.

דאָס זעלבע איז אויך פאַראַן תולדות ביי גילוי עריות, ווי למשל ווען איינער דערנענטערט זיך צו עריות דורך ווינקען מיט די אויגן אָדער אַנדערע אַזעלכע סאָרט וועגן, און אַזוי אויך האָבן די חז"ל געזאָגט (סוטה ד, ע"ב) אַז איינער עסט אָן זיך צו וואַשן די הענט איז ווי ער וואָלט מזנה געווען.

אויך ביי שפיכות דמים זענען פאַראַן תולדות ווי די חז"ל זאָגן (בבא מציעא נח, ע"ב), „המלבין פני חבירו ברבים, דער וואָס פאַרשעמט זיין חבר פאַר אַ רבים, איז ווי ער וואָלט פאַרגאָסן זיין בלוט", און אַזוי געפינען מיר

אין ש״ס פיל אזעלכע עבירות וואס זענען תולדות פון הארבערע אבות. און דאס האבן אונזערע חכמים ז״ל געמיינט צו זאגן „איזהו חכם״ ווייל דער עיקר חכמה פון א מענטש איז זיך צו ראטעווען פון עבירות און פון אראפ נידערן צום אפגרונד ווי עס שטייט אין פסוק (קהלת ט, טו) „ומלט את העיר בחכמתו״ אז ער וועט ראטעווען די שטאט — און ווי רש״י זאגט דארט אז די „שטאט״ מיינט מען דעם מענטש זעלבסט — מיט זיין חכמה, „הרואה את הנולד״, וואס ער גיט זיך אויף אכטונג נישט צו געשטרויכלט ווערן מיטן נולד, די תולדות, און נישט נאר מיט די אבות. זע דארט זיינע רייד באריכות.

**דעריבער** זאלט איר זיך אפהיטן פון כעס, ווי דער חכם מכל אדם זאגט אין קהלת (ז, ט) „אל תבהל ברוחך לכעוס כי הכעס בחיק כסילים ינוח״ ד. ה. דו זאלסט זיך נישט איילן ארוים צו ווייזן דיין צארן, ווייל כעס רוט געוויינליך ביי נארישע ליט. איצט בארעכנט אייך אויב א מענטש וועט דיר קומען זאגן אין געגנווארט פון אסאך מענטשן אז דו ביסט א שוטה א נאר, וועסטו קערן ווערן און דו וועסט אים געווים רופן צו דין תורה פאר באליידיגונג, טא ווי שעמסטו זיך נישט אז דער חכם מכל אדם, שלמה המלך, האט דיר אפגעסטעמפלט אז דו ביסט א נאר ווען דו קומסט אריין אין כעס.

**און** די חז״ל זאגן שוין (זוהר הק׳ בראשית כז, ע״ב), „דער וואס גייט אריין אין כעס איז ווי ער דינט עבודה זרה״. „דער וואס איז אין כעס איז א סימן אז אין זיין מחשבה איז ווי די שכינה וואלט חלילה נישט עקזיסטירט, איינער וואס איז אין כעס קומט צו צו אים אלע עבירות און מיט דעם ברענגט ער אויף זיך אלע שטראפן פון גיהנום, ער

ווערט דורך דעם כסדר נאַרישער און נאַרישער, און ער ברענגט אויך אויף זיך די קרענק פון מערידן" (נדרים כב).

און אַט איז וואָס דער רמב"ם שרייבט (פ"ב מהלכות דעות הלכה ג), „כעס איז זייער אַ שענדליכע מידה און דער מענטש דאַרף זיך פון דעם דערווייטערן ווי ווייט ער קען, ער זאָל זיך צוגעוואוינען נישט צו אַריין קומען אין כעס אפילו אויף אַ זאַך וואָס מען וואָלט אפשר געדאַרפט זיך אויפרעגן דערויף, און אויב ער דאַרף אָנוואַרפן אַ פחד אויף איינעם כדי אים צו צוימען, ווי למשל אַ פאָטער אין זיין הויז, אָדער אויב ער איז אַ פרנס און ער דאַרף איינצוימען דעם ציבור, אפילו דעמאָלט זאָל ער נאָר מאַכן זיך ווי ער איז אין כעס, כדי זיי זאָלן מורא האָבן פאַר זיין צאָרן, אָבער ביי זיך אינערליך זאָל ער זיין העכסט רואיג און געלאַסן. די פריער־דיגע חכמים האָבן געזאָגט, יעדער וואָס איז אין כעס איז גלייך ווי ער דינט עבודה זרה. און דער וואָס איז אין כעס אויב ער איז אַ חכם גייט פון אים אַוועק די חכמה און אויב ער איז אַ נביא ווערט פון אים אָפּגעטאָן די נבואה, און דער לעבן פון אַ בעל כעס איז קיין לעבן נישט (פסחים סו, ע"ב; ושם קיג, ע"ב), דעריבער האָבן די חכמים באַפוילן זיך צו דער־ווייטערן פון כעס ביז ער זאָל קומען צו אַ מדריגה אַז ער זאָל נישט באַרירט ווערן אפילו פון זאַכן וואָס רעגט אויף געוויינליך אַ מענטש, און דער וועג פון די צדיקים איז זיך צו לאָזן פאַרשעמען און נישט צוריק פאַרשעמען יענעם, הערן ווי מען פאַרשעמט זיי זעלבסט און נישט צוריק ענטפערן, זיי טוען די מצוות און מעשים טובים צוליב זייער ליבשאַפט צו כביכול, און נישט כדי צו באַקומען באַצאָלט פאַר דעם, און זיי נעמען אָן זייערע יסורים באהבה" עכ"ל פון רמב"ם וועלכע איז זיסער פון האָניג.

איך האב געזען געשריבן אין נאמען פון הקדוש רבי נחמן קאסיווער זצללה"ה אויף דעם וואס די חז"ל זאגן (קידושין מא, ע"א) „רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו" (רש"י זאגט דארט פשט אז דאס מיינט אז דער וואס רעגט זיך אויף פארדינט גארנישט דערפון נאר פארקערט עס שאדט אים צום געזונט), האט ער זיך געשטעלט דערויף וואס די גמרא כאפט אן בידו, אין זיין האנט, און ער האט דערויף געענטפערט, ווייל עס איז דאך באקאנט אז יעדע נאכט ווען די נשמות גייען ארויף אין הימל שרייבט די האנט דארט אראפ אלע עבירות וואס דער מענטש האט אפגעטאן במשך דעם גאנצן טאג. אציינד א מענטש וואס האט אין יענעם טאג זיך אנגעהיצט און געקומען צו כעס און צארן, די האנט זיינע דארף שוין מער גארנישט שרייבן נאר בלויז די עבירה פון כעס, ווייל אין אט די עבירה זענען שוין נכלל אלע אנדערע עבירות ווייל כעס ברענגט צו אלע אנדערע חטאים און עס איז געגליכן צו דינען עבודה זרה. און דאס מיינט די גמרא „רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו" אז דער רגזן דארף נישט שרייבן מיט זיין האנט נאר אט די עבירה פון כעס, ווייל די אנדערע זענען שוין אין דעם נכלל ממילא.

און אזוי אויך זאגן אונזערע חכמים ז"ל אז „דער אויבערשטער האט ליב דעם וואס קומט נישט אריין אין כעס" (פסחים קיג, ע"ב). און איך האב געהערט אויף איינעם א הייליגן מאן אז ווען עס איז אים פארגעקומען אז ער האט זיך געוואלט בייזערן, האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט פאר זיך אליין, כעס איז דאך א הארבע עבירה וועלכע איז געגליכן צו עבודה זרה, דעריבער דארף איך קודם גוט מעיין זיין אין די ספרים צו מעג איך אין אט דעם פאל זיין אין כעס, ווייל עס איז דאך נישט אנדערש ווי א שאלה פון איסור והיתר וואס פארן

פסק׳ענען דארף מען גוט נאך קוקן אין די פוסקים. אין דערצווישן איז דער כעס אוועק פון אים.

**און** אויך האב איך געזען אין ספר רחמי אב וואס ער ברענגט פון דעם הייליגן חוזה פון לובלין זי״ע, אז אמאל האט פאסירט און ער האט זייער וויכטיג געדארפט אויפשטיין עפעס א געווייסן טאג, נאך פריער ווי ער פלעגט אויפשטיין געוויינליך צוליב א וויכטיגן ענין, און ער האט באפוילן זיינע בני בית אז מען זאל אים צוריכטן דעם נאכטמאל פריער ווי יעדן טאג. אבער אנשטאט צו דערפילן זיין פארלאנג, איז נישט געגוג וואס מען האט אים נישט צוגעגרייט זיין עסן פריער, נאר מען האט נאך אויך פארשפעטיגט מער ווי גע־וויינליך, און אזוי איז צושטערט געווארן זיין גאנצער פלאן וואס ער האט זיך געמאכט. האט דער הייליגער חוזה געזאגט, איך וואלט דאך לכאורה געדארפט זיין אין כעס אויף מיינע בני בית, אבער אין דער אמת׳ן וואס האב איך דען געוואלט מיטן אויפשטיין גאנץ פרי צומארגנס? איך האב דאך בלויז געוואלט דאס טאן פאר דעם אויבערשטנס ווילן, נו דעם אויבערשטנס ווילן איז אויך אז איך זאל נישט קומען צו קיין כעס. און דער הייליגער ראזדילער רבי פלעגט זאגן, ווען איך וויל ברוגז זיין אויף עפעס לייג איך אפ דעם כעס אויף שפעטער, דעם געשעפט וועל איך נישט פארלירן אויך שפעטער. דעריבער זאלט איר זיך היטן פון די שלעכטע מידה פון כעס.

**זע** אין ספר חסידים סימן תרנ״ה שרייבט ער דארטן, עס איז געווען א מעשה מיט א זון וואס האט ערליך מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אב ואם, האט אים דער פאטער געלאזט צוואה און געזאגט דו ביסט מיר מכבד אין מיין לעבן זאלסטו מיר אויך מכבד זיין נאכן טויט. איך באפעל דיר אז ווען עס וועט קומען ביי דיר צו ווערן אין כעס, זאלסטו דאס שטענדיג אפלייגן

אויף א צווייטן טאג. זאלסט זיך איינהאלטן נישט צו רעדן אדער טאן עפעס דעם ערשטן טאג וואס עס קומט דיר א כעס. נאך זיין פאטער'ס פטירה איז ער אמאל אוועק געפארן אין ווייטע מדינות און ער האט איבערגעלאזט זיין פרוי. צוליב פארשידענע סיבות האט ער זיך געזוימט אין דער פרעמד, און אינדערצווישן איז געבוירן געווארן ביי אים א קינד. עס זענען אדורך פילע יארן און דאס קינד איז היבש אונטערגעוואקסן.

**ווען** דער פאטער איז ענדליך צוריק געקומען איז געווען ביינאכט און ארייגגייענדיג אין הויז האט ער געהערט ווי זיין ווייב רעדט אין א צימער מיט א יונגן בחור. ער האט באלד חושש געווען אז זי טוט דא עפעס אן עבירה חלילה און ער האט ארויס-גענומען זיין שווערד פון איר האלטער און געוואלט הרג'ענען זיי ביידע אויפן ארט. אבער דא האט ער זיך דערמאנט אין די צוואה פון זיין פאטער אז מיט זיין כעס זאל ער שטענדיג ווארטן אויפן צווייטן טאג און ער האט דעם שווערד צוריק אריין געטאן אין האלטער. שטייענדיג דארט דערהערט ער ווי זי זאגט פארן בחור אז עס איז שוין פארלאפן פילע יארן וואס זיין פאטער איז אוועקגעפארן און ער ווייסט אפילו נישט אז עס איז זיי געבוירן געווארן א קינד וואס איז שוין אויך אין די יארן. דערהערנדיג די ווערטער האט ער ארויס געשריגן און געזאגט, געלויבט איז דער אויבערשטער וואס ער האט מיר געהאלפן איינהאלטן מיין צארן און געבענטשט זאל זיין מיין פאטער ז"ל וואס ער האט מיר באפוילן צו איינהאלטן מיין כעס איין נאכט. די שמחה אין יענע הויז איז געווען גרויס און זיי האבן געמאכט א סעודה פאר פיל מענטשן. עכ"ל ספר חסידים.

◆

## ד.

## ליצנות

איך זאלט זיך דערוויטערן פון לצים ווי א פייל פון בויגן, ווייל די לצים מאכן חרוב די וועלט, און זיי געהערן צו די פיר כתות וואס זענען נישט מקבל פני השכינה, ווי עס ווערט געברענגט אין סוטה (מב, ע״א). און זע אין מסכת עבודה זרה (יח, ע״ב) „רב קטינא זאגט ווער עס טרייבט ליצנות ווערט פון אים צוריק געצויגן זיין פרנסה, רבי שמעון בן לקיש זאגט אז ער פאלט אריין אין גיהנום, רבי חנילאי זאגט אז ער ברענגט צרות אויף דער וועלט״.

דוד המלך ע״ה אין אנהויב פון זיין ספר תהלים זאגט „ובמושב לצים לא ישב״, און ער זאגט נישט בין לצים וואס דאס מיינט צווישן לצים, ווייל אפילו צו זיצן בלויז אויף אן ארט וואו לצים זענען געזעסן, כאטש זיי זענען שוין אוועק פון דארט, איז אויך שעדליך.

אויף דעם גאנג האב איך אויסגעטייטשט די הייליגע פסוקים אין פרשת וישב, „וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם בשכם, ויאמר ישראל אל יוסף הלא אחיך רועים בשכם לכה ואשלחך אליהם ויאמר לו הנני, ויאמר לו לך נא ראה את שלום אחיך וגו׳, וימצאהו איש וגו׳ לאמר מה תבקש ויאמר את אחי אנכי מבקש והגידה נא לי איפה הם רועים ויאמר האיש נסעו מזה כי שמעתי אומרים נלכה דתינה וילך יוסף אחר אחיו וימצאם בדותן״, איז דאך די זאך שווער צו פארשטיין, יעקב אבינו האט דאך ליב געהאט יוסף׳ן מער ווי אלע זיינע אנדערע קינדער, ער איז דאך געווען זיין בן זקונים און זיי זענען געווען

צוגעבונדן איינער צום אנדערן, האט דאך יעקב געוואוסט אז יוסף'ס ברידער האבן אים זייער פיינט, איז נאך וואס האט ער אים געשיקט אין אזא געפערליכע מיסיע, צו האט דען געפעלט פאר יעקב אבינו קנעכט און דינסטן וועמען צו שיקן וואס ער האט געמוזט שיקן יוסף'ן אליין? ווידער דארף מען פארשטיין, יעקב האט געזאגט פאר יוסף, „הלא אחיך רועים בשכם" אז דיינע ברידער פאשען די שאף אין שכם, ווייזט עפעס אויס אז דעריבער האט ער אים געשיקט וויל זיי געפונען זיך אין שכם און ווען זיי וואלטן זיך געפונען ערגעץ אנדערש וואו וואלט ער אים נישט געשיקט? נאך איז אונז שווער צו פארשטיין וויל מסתמא אז יעקב אבינו האט אים געשיקט צו די ברידער האט ער געווים געוואוסט אז עס וועט אים נישט פאסירן קיין בייז אדער שטרויכלונג אויפן וועג, אויב אזוי פארוואס האט אים פאסירט דער אומגליק? צו האט יעקב אבינו זיך טועה געווען?

**דער** תירוץ איז אבער אז יעקב אבינו ע"ה האט געוואוסט וועגן די שנאה און קנאה וואס הערשט ביי די שבטים קעגן זיין באליבטן זון יוסף, און ער האט דעריבער געוואלט שלום מאכן צווישן זיי. האט ער געטראכט עצות און נאך געפארשט וועגן ווי אזוי מען זאל קענען שלום מאכן צווישן די ברידער. ביז ער איז געקומען צום באשלוס אז דער בעסטער וועג וועט זיין צו שיקן יוסף אליין צו זיינע ברידער קיין שכם.

**און** כדי דאס צו פארשטיין דארף מען מקדים זיין און פאר־שטיין די משנה (אבות פרק ג, משנה ג) וואס זאגט, „שנים שיושבים, צוויי וואס זיצן און רעדן נישט צווישן זיך קיין דברי תורה הייסט דאס א **מושב לצים** ווי עס שטייט אין פסוק „ובמושב לצים לא ישב'", און לכאורה איז שווער,

וואס איז בכלל די ראי' פון פסוק ובמושב לצים לא ישב אז צוויי וואס זיצן און צו לערנען הייסט דאס א מושב לצים?

איז מען דאס מסביר דורך א מעשה וואס האט פאסירט ביים היילגן בעל שם טוב וואס איז אמאל געפארן מיט אייניגע פון זיינע תלמידים צו א געוויסן ארט און אינמיטן וועג האט זיך דער בעל עגלה אפגעשטעלט און פלוצלונג געוואלט הרג'ענען דעם בעל שם טוב זי"ע. דער בעל שם טוב האט גיך געוואונקען פאר זיינע תלמידים אז מען זאל שמייסן די פערד כדי זיי זאלן באלד נעמען לויפן פון יענעם ארט, און ווי די פערד האבן זיך א לאז געטאן אין גאלאפ איז פלוצלונג דער בעל עגלה געווארן אן אנדער מענטש, ער איז געפאלן דעם בעל שם טוב צו די פיס מיט רחמים ותחנונים און געבעטן אים אז ער זאל אים מוחל זיין ווייל ער ווייסט אליין נישט וואס פאר א משוגעת עס האט אים פלוצלונג געכאפט דארט אויף יענעם ארט.

דער בעל שם טוב האט דאן געזאגט פאר זיינע תלמידים איך וועל אייך געבן צו פארשטיין און ערקלערן דעם רעטעניש, דער ארט וואו מיר זענען געשטאנען איז פונקט געווען דער ארט וואו קין האט גע'הרג'עט זיין ברודער הבל, און דעריבער איז אין יענעם ארט געווארן איינגעפלאנצט א ווארצל פון רציחה, און ווען א פוסטער ליידיגער מאן קומט אן אויף דעם פלאץ, ווערט אין אים ערוועקט און אנגעצונדן א פייער פון רציחה, ווייל דער פלאץ איז דאס גורם.

זעען מיר דאך דערפון אז דער ארט האט צו זאגן אין גורם זיין פארשידענע ענינים, און אז ווען מען געפינט זיך אויף אן ארט וואס מען האט דארט געטאן אן עבירה ליגט עפעס א כח פון טומאה אויפן פלאץ. און אט דאס מיינט די

משנה אין אבות צו זאגן, „שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה" צוויי אידן אז זיי זיצן און זיי רעדן נישט פון קיין דברי תורה, און עס מוז זיך דאך רעדן דא פון תלמידי חכמים ווייל עמי הארצים קענען דאך נישט רעדן פון קיין דברי תורה, איז דאך שווער ווי קען דאס זיין אז צוויי תלמידי חכמים קומען זיך צונויף און מען רעדט נישט אין לערנען, דעריבער זאגט די משנה אז „הרי זה מושב לצים", ד. ה. אז דאס איז דערפאר ווייל דער ארט איז א מושב לצים, לצים זענען דארט פריער געזעסן און האבן אריין געווארצלט א טומאה פון ליצנות אויף דעם ארט, און דערפאר איז דאס נישט ממוגל צו לערנען דארט. און אויף דעם ברענגט ער זייער גוט א ראי׳ „שנאמר ובמושב לצים לא ישב" ווייל לכאורה האט ער געדארפט זאגן „ובין לצים לא ישב", נאר דער פשט איז אז צווישן לצים ממש איז ער זיכער נישט געזעסן און דאס וואלט ער נישט געדארפט זאגן בכלל, נאר די רבותא איז אז אפילו נאך דעם וואס די לצים האבן זיך שוין אפגעטראגן פון ארט איז ער אויך נישט געזעסן דארטן, וועגן די אויבנדערמאנטע סיבה.

און אצינד וועלן מיר צוריק קומען צום ענין, אויב ווען מען טוט אן עבירה באקומט דער ארט א טומאה, איז דאך געוויס אז אויף אן ארט וואס מען טוט א גרויסע מצוה ווערט אויף יענעם ארט אריין געפלאנצט און אריין געווארצלט א קדושה צוליב די מצוה וואס מען האט דארט געטאן. איצט די גרעסטע שונאים פון יוסף, זענען געווען שמעון און לוי (ווי דער פסוק זאגט, „שמעון ולוי אחים" און רש"י זאגט „מיט איין עצה קעגן יוסף") און אט די צוויי ברידער האבן אין שכם געטאן א געוואלדיגע מצוה און זיי האבן ארויס געוויזן זייער געטריישאפט און ליבשאפט פאר זייער שוועסטער דינה מיט דעם וואס זיי האבן זיך מוסר נפש געווען, זיך איינגעשטעלט זייער לעבן, צוליב דעם וואס די לייט פון שכם האבן גע־

טשעפעט דינה'ן. האט יעקב אבינו ע"ה געהאט א חשבון אז אין דעם ארט, אין שכם, איז געווים אריין געווארצלט געווארן די מידה פון ברידערליכע ליבשאפט און ממילא ווען יוסף וועט אהער אנקומען וועט זיך ערוועקן אין די שבטים די מידה פון ליב האבן דעם ברודער, און זיי וועלן אצינד שלום מאכן איינער מיטן צווייטן.

**דעריבער** האט יעקב נישט מורא געהאט צו שיקן יוסף'ן אליין, און דעריבער טאקע האט ער נישט געשיקט זיינם א קנעכט אדער א שליח צו די שבטים, ווייל ער האט גערעכנט אז שכם וועט זיין מסוגל אז די ברידער' זאלן שלום מאכן צווישן זיך, און דאס מיינט דער פסוק „הלא אחיך רועים בשכם . . . לך נא ראה את שלום אחיך" ד. ה. דיינע ברידער פאשען דאך איצט די שאף אין שכם, וואו זיי האבן געטאן דארט א מצוה און זיך אנגענומען מיט מסירות נפש פאר זייער שוועסטער, גיי דו אהין אליין וועסטו זען אז עס וועט ווערן שלום ושלוה צווישן אייך. און געווים אן קיין שום ספק ווען יוסף וואלט געטראפן זיינע ברידער אין שכם וואלט טאקע אזוי געווען, אבער ווען יוסף איז אנגעקומען קיין שכם, זענען די ברידער שוין נישט געווען דארטן, זיי האבן שוין געצויגן קיין דותן; אין דותן איז שוין נישט געווען די הייליגע השפעה פון די מצוה און דעריבער האט פאסירט דארט וואס האט פאסירט.

**דעריבער** זאג איך אייך מיינע קינדער, גייט און זיצט דוקא צווישן ערליכע ג-ט'ס פארכטיגע אידן תלמידי חכמים און יראי שמים און נישט חלילה צווישן לצים וואס מען טאר נישט געפינען זיך אפילו דארט וואו זיי זענען געווען מיט א צייט פריער, ווי געזאגט. מיינע קינדער, גייט נישט אין זייערע וועגן וועט איר זוכה זיין צו זיין צווישן די אויף וועמען עס איז געזאגט געווארן דער פסוק „וכל בניך למודי השם ורב שלום בניך".

ח.

## צדקה

די מצוה פון צדקה זאל נישט זיין גרינג אין אייערע אויגן ווייל זי איז געוואויגן קעגן אלע אנדערע מצוות ווי די חז"ל זאגן דאס אין מסכת בבא בתרא (דף ט, ע"א), און זיי לערנען דאס ארויס דארט פון א פסוק. און נישט אומזיסט האבן שמואל און רבי עקיבא גע'דרש'נט דעם פסוק (משלי י, ב) „וצדקה תציל ממות" אז צדקה ראטעוועט פון טויט, זע אין מסכת שבת (דף קנו, ע"ב) די מעשה פון שמואל און אבלט ה,

ה) שמואל און א גוי'אישער געלערנטער שטערן זעער, אבלט, זענען געזעסן צוזאמען, זענען פאר זייערע אויגן אריבער געגאנגען א גרופע מענטשן צום ריכטונג פון וואסער. האט זיך אבלט אנגערופן צו שמואל און געזאגט אויף איינעם פון די מענטשן אז ער וועט נישט צוריק קומען פון וואסער, ווייל ער זעט אין זיין מזל אז א שלאנג וועט אים דארט פארגיפטן און ער וועט שטארבן אויפן ארט. האט זיך שמואל אנגערופן און געזאגט אז אויב יענער איז א איד, וועט ער נישט געשעדיגט ווערן און ער וועט יא צוריק קומען, ווייל אידן זענען נישט צוגעבונדן צום מזל.

אזוי זיצנדיג א לאנגע צייט, זעען זיי די גרופע צוריק קומען פון וואסער און יענער מענטש איז מיט זיי פריש און געזונט. האט זיך אבלט אויפגעהויבן און אראפ גענומען דעם פעקל וואס יענער מאן האט געטראגן אויף די פלייצע און דאס געעפנט. אויפמאכנדיג דעם פעקל האט מען דארט געפונען . . . א שלאנג צושניטן אויף צוויי שטיקער. האט אים שמואל געפרעגט, „זאג מיר וואס פאר א מצוה האסטו געטאן וואס אין איר זכות ביסטו ניצול געווארן פון

און די מעשה פון די טאכטער פון רבי עקיבא ו. און אזוי זענען

---

זיכערן טויט?״ האט אים יענער מאן געענטפערט אז מיר די גרופע מענטשן האבן אן אפמאך אז יעדן טאג גייט איינער פון אונז און נעמט צוזאמען פון יעדן א שטיקל ברויט און מען לייגט אריין די ברויט אין א קארב און מיר עסן אלע צוזאמען. היינט איז געווען איינער פון אונז וואס האט נישט געהאט קיין ברויט, און איך האב געוואוסט דערפון, און ער וואלט געוויס פארשעמט געווארן. האב איך געזאגט, איך וועל גיין צוזאמען נעמען די ברויט. אז איך בין געקומען צו דעם מענטש וואס האט נישט געהאט קיין ברויט, האב איך מיך געמאכט גלייך ווי איך נעם פון אים ברויט, אבער אין אמת׳ן האב איך געגעבן פון מיין ברויט זיין חלק אויך. האט שמואל גע׳דרש׳נט אויף אים דעם פסוק ״וצדקה תציל ממות״ וויל די צדקה וואס ער האט געטאן האט אים געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

ו) אויף די טאכטער פון רבי עקיבא האבן געזאגט די שטערן זעער אז אין דעם טאג פון איר חתונה וועט איר שלאגן א שלאנג און זי וועט, חלילה, שטארבן. האט זי זייער שטארק געזארגט און מורא געהאט דערפון. אין דעם טאג פון די חתונה האט זי אויסגעטאן אירס א צירונג און דאס אריין געשטאכן אין דער וואנט אז עס זאל נישט פארלוירן ווערן. אויף צומארגנס ווען זי האט ארויסגענומען דעם צירונג פון די וואנט האט זיך נאך דעם נאכגעשלעפט א טויטער שלאנג ועמענס אויגן זענען צושטאכן געווארן פון דעם צירונג וואס זי האט נעכטן אריין געשטעלט אין דער וואנט. האט איר דער פאטער רבי עקיבא געפרעגט, ״זאג מיר וואס פאר א גוטע זאך האסטו געטאן וואס אין איר זכות ביסטו געראטעוועט געווארן פון טויט?״ האט זי אים געזאגט אז נעכטן ווען אלע זענען געווען פארנומען מיטן צוגרייטן די סעודה איז געקומען אן ארימאן און געקלאפט אויף דער טיר, און געבעטן מען זאל אים געבן עסן. קיינער האט נישט געהערט דעם

פאראַן פילע מאמרים אין ש"ס אויף די גרויסקייט פון די מצוה פון צדקה, וואָס מיר געפינען דאָס נישט ביי אַלע אַנדערע מצוות. זע אויך אין מסכת בבא בתרא (דף יא, ע"א) ביי די מעשה פון בנימין הצדיק וואָס צוליב דעם וואָס ער האָט געגעבן צדקה האָט מען אים צוגעגעבן נאָך צוויי און צוואַנציג יאָר צו זיין לעבן ז. און די חז"ל זאָגן (שבת קכז, ע"א) אַז הכנסת

---

אָרימאַן ווייל מען איז געווען פאַריאָגט מיט די צוגרייטונגען, נאָר איך האָב אים באַמערקט. בין איך געגאַנגען און אים דערלאַנגט די עסן וואָס מען האָט מיר געגעבן אַז איך זאָל דאָס עסן, און דער אָרימאַן האָט זיך מחי' געווען". האָט דער פאָטער אויסגערופן, "האָסט געטאָן אַזאַ גרויסע מצוה, איז ביי דיר מקויים געוואָרן דער פסוק ,וצדקה תציל ממות'".

ז) רבי בנימין הצדיק איז געווען אַ גבאי צדקה. איז אַמאָל אין אַ הונגער יאָר געקומען צו אים אַ דערשלאָגענע פרוי און אים געבעטן ער זאָל איר געבן צו עסן, האָט ער איר געענטפערט "איך שווער דיר אַז אין די צדקה קאַסע איז נישט פאַראַן קיין פרוטה, איך האָב גאָרנישט וואָס צו געבן". האָט זי אים געזאָגט, "רבי! אַז דו גיסט מיר נישט צו עסן שטאַרב איך מיט מיינע זיבן קינדער פאַר הונגער". איז ער געגאַנגען און איר געגעבן פון זיין אייגענע קעשענע צו עסן.

יאָרן שפעטער איז רבי בנימין זייער שלאַף געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָבן די מלאכי השרת געזאָגט פאַר כביכול "רבונו של עולם דו האָסט געזאָגט אַז כל המקיים נפש אחת מישראל, אַז איינער האַלט אויף איין אידישן נפש איז ווי ער וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט, און בנימין הצדיק וואָס האָט געראַטעוועט אַ פרוי מיט אירע זיבן קינדער זאָל אַוועקגיין פון דער וועלט אַזוי יונג". האָט מען אים באַלד צוריסן דעם גזר דין, און מען האָט אים צוגעגעבן נאָך צוויי און צוואַציג יאָר צום לעבן.

אורחים איז גרעסער ווי צו מקבל זיין די פני השכינה, און עס איז גרעסער ווי צו גיין פרי לערנען אין בית המדרש.

און יעדער וואס העלפט א תלמיד חכם ער זאל האבן פרנסה איז זוכה צו זיצן אין ישיבה של מעלה (פסחים נג, ע"ב). נאך זאגן די חז"ל (שבת קנא, ע"ב) יעדער וואס האט רחמנות אויף מענטשן איז מען זיך אויף אים מרחם פון הימל. און (ביצה לב, ע"ב) דער וואס האט רחמנות אויף מענטשן איז א סימן אז ער איז פון די קינדער פון אברהם אבינו ע"ה. און (סנהדרין לז, ע"א) ווער עס ראטעוועט איין נפש מישראל איז ווי ער וואלט מציל געווען א גאנצע וועלט.

אין תנא דבי אליהו זוטא (פרק א) ווערט געברענגט, „גרויס איז צדקה ווייל זי ברענגט דעם מענטש צו עולם הבא, עס איילט צו דאס קומען פון משיח, עס דערהויבט די נשמה, פארלענגערט די יארן פון מענטש, און ראטעוועט אים פון טויט". און זע אין רש"י פרשת אמור (ויקרא כג, כב) אויפן פסוק, „ובקוצרכם את קציר ארצכם" וואס רעדט פון דעם אז ווען מען שניידט אפ די תבואה פון פעלד דארף מען איבער־לאזן פאר די ארימע לייט די לקט שכחה און פאה, פרעגט רש"י פארוואס שטייט אט דער פסוק פונקט דא צווישן די קרבנות פון פסח און שבועות פון איין זייט און די קרבנות פון ראש השנה און יום הכיפורים פון דער אנדערער זייט, כדי צו לערנען אונז אז יעדער וואס גיט פאר די ארימע לייט לקט שכחה און פאה ווערט אים פארעכנט ווי ער וואלט אויפ־געבויט דעם בית המקדש און מקריב געווען דארט די קרבנות פון אלע ימים טובים.

אויך זע רש"י אין פרשת וירא (בראשית יח, טז), „כל השקפה לרעה וכו' " ד. ה. אז אומעטום וואו עס שטייט

אין תורה דער לשון פון „וישקף" (קוקן) איז דאס א שלעכטער קוק, א קוק וואס האט געברענגט שלעכטס, אויסער דער פסוק (דברים כו, טו) „השקיפה ממעון קדשך וגו'" דארט איז די השקפה דער אראפ קוק נאר צו גוטן, ווייל דארט רעדט זיך נאכן געבן די מתנות עניים און דאס געבן די מתנות פאר די ארימע לייט איז אזוי גרוים אז עס דרייט איבער דעם מידת הדין צו מידת הרחמים.

**נאך** זעען מיר (בבא בתרא ט, ע"ב) אז איינער וואס גיט צדקה באהאלטענערהייט איז ער גרעסער פון דעם וואס שטייט ביי משה רבינו, ווייל ביי משה רבינו ע"ה שטייט (דברים ט, יט) „כי יגורתי מפני האף והחימה" ד. ה. אז משה רבינו האט מורא געהאט פון דעם אף, פון דעם צארן. און ביי איינעם וואס גיט צדקה בסתר שטייט אין פסוק (משלי כא, יד) „מתן בסתר יכפה אף", ד. ה. ער וועט פארווישן דעם צארן. נאך זאגן די חז"ל (יבמות סג, ע"א) „איינער וואס בארגט געלט פאר אן ארימאן ווען ער איז געדריקט, אויף אים זאגט דער פסוק (ישעי' נח, ט) ,אז תקרא וה' יענה' אז דו וועסט רופן און דער אויבערשטער וועט דיר ענטפערן", און ווי מען איז געוואוינט צו זאגן פשט אין די ווערטער „ווען ער איז געדריקט" מיינט מען ווען דער מלוה איז געדריקט און פונדעסטוועגן לייט ער פאר יענעם, דעמאלט וועט ער געהאלפן ווערן.

**נאך** שטייט וועגן די גרויסקייט פון מצות צדקה, „יעדע צדקה וואס אידן טוען אויף דעם וועלט שאפט דאס שלום און מליצי יושר פאר די אידן ביי זייער פאטער אין הימל" (בבא בתרא י, ע"א). דער וואס ברענגט א מתנה פאר א תלמיד חכם איז גלייך ווי ער וואלט מקריב געווען ביכורים (כתובות קה, ע"ב). דער וואס טוט מתנה זיין א תלמיד חכם און ער גיט

אים פון זיין פארמעגן ווערט ער פארערכנט ווי ער וואלט זיך באהאפטן אין די שכינה כביכול (כתובות קיא, ע"ב). און יעדער וואס פארהוילט זיך די אויגן פון צדקה איז ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה (כתובות סח, ע"א). יעדער וואס לערנט תורה און טוט נישט קיין צדקה מיט זיין געלט איז ווי ער האט נישט קיין ג-ט ווער עס זאל אים באשיצן (עבודה זרה יז, ע"ב).

און אט איז וואס דער רמב"ם שרייבט (פרק ב' מהלכות מגילה הלכה י"ז), „עס איז גלייכער אז א מענטש זאל וואס מער געבן מתנות פאר ארימע לייט אין פורים ווי צו אויסגעבן מער געלט פאר די סעודת פורים אדער פאר משלוח מנות פאר זיינע גוטע פריינד, ווייל די גאנצע שמחה וואס דארף זיין איז צו דערפרייען דאס הארץ פון ארימעלייט, אלמנות מיט יתומים און גרים, ווייל ווער עס דערפרייט די הערצער פון די אומגליקליכע, דער איז געגליכן צו די שכינה ווי עס שטייט אין פסוק (ישעי' נז, טו) ביים אויבערשטן „להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים" דאס הייסט אז דער רבונו של עולם טוט אויפלעבן דעם גייסט פון די נידעריגע און טוט דערקוויקן די הערצער פון די דערשלאגענע", עכ"ל.

און צו געבן צדקה און טאן חסד מיט א תלמיד חכם איז א סגולה צו גוטע פרנסה ווי אונזערע חז"ל האבן געזאגט (ברכות מב, ע"ב) „תיכף לתלמיד חכם ברכה" ד. ה. אז ווען איינער איז מקרב א תלמיד חכם און ער נעמט אים אריין ביי זיך אין הויז, ווערט זיין הויז געבענטשט, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית לט, ה) אז דער באשעפער האט געבענטשט די הויז פון דעם מצרי פוטיפר, וועגן יוסף וואס האט זיך אויפ-געהאלטן ביי אים אין הויז. און דאס זעלבע געפינען מיר אויך ביי לבן הארמי (בראשית ל, כז), אז ער האט מודה געווען צו יעקב אבינו ע"ה, אז די ברכה וואס ער האט געהאט, וואס ער

איז רייך געוואָרן, איז אים געקומען פון אויבערשטן צוליב דעם וואָס יעקב אבינו איז געווען ביי אים אין הויז.

און אזוי געפינען מיר אויך (ש״ב, ו, יא) אַז דער אויבערשטער האָט געבענטשט דאָס הויז פון עובד אדום צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַלטן בכבוד׳יג דעם הייליגן ארון וואָס איז אַרויס געפירט געוואָרן פון משכן דעמאָלט און איז געבליבן ביי אים אין הויז, קען מען דאָך דערפון אַרויסלערנען, זעצט פאָר די גמרא (ברכות סג, ע״ב) אַז אויב פאַרן האַלטן בכבוד דעם הייליגן ארון וואָס פאָדערט נישט קיין עסן און טרינקען איז עובד אדום אזוי געבענטשט געוואָרן, איז דאָך אַ כל שכן, אוודאי געווים, אַז ווען איינער האַלט בכבוד׳יג אַ תלמיד חכם, ער גיט אים צו עסן און טרינקען וכו׳, ווערט ער אוודאי געבענטשט פון באַשעפער. נאָך זאָגט די גמרא (ברכות י, ע״ב) אַז איינער גיט פאָר אַ תלמיד חכם קאָסט און קוואַרטיר אין זיין הויז איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געהאַט די זכי׳ צו מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

אין אבות דרבי נתן (פרק ג, ט) ווערט געברענגט אַ מעשה מיט אַ חסיד וועלכער פלעגט פאַרטיילן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט, האָט פּאַסירט אַמאָל און ער איז אָפּגעפאָרן מיט אַ שיף אויפן ים. אין מיטן ים האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטורעם ווינט און די שיף איז דערטראַנקען געוואָרן אין וואַסער. רבי עקיבא האָט זיך געפונען דאָרט און געזען ווי די שיף זינקט אין די טיפענישן און ער איז געקומען צו בית דין כדי צו עדות זאָגן אויף דעם וואָס ער האָט געזען, כדי אַז זיין ווייב זאָל נישט פאַרבלייבן קיין עגונה און קענען חתונה האָבן. ביז רבי עקיבא האָט זיך אויסגערישט צו גיין צום בית דין, ווערט ער דערשטוינט צו זען אָט יענעם מענטש קומען צו אים פריש און געזונט. גיט ער אים אַ פרעג אין פאַרוואונדערונג „ביסטו

דאָס יענער מענטש וואָס האָט זיך דערטראַנקען אין ים?" האָט ער אים געענטפערט, „יאָ, איך בין דאָס!". פרעגט ער אים צוריק, „און ווי אַזוי ביסטו געראַטעוועט געוואָרן?", האָט ער אים צוריק געענטפערט, „די צדקה וואָס איך פלעג טאָן!". פרעגט אים רבי עקיבא, „פון וואַנעט ווייסטו דאָס?". האָט ער אים געענטפערט, „ווען איך האָב געזונקען טיף אין די וואַסערן פון ים האָב איך געהערט אַ שטאַרקן קול פון די כוואַליעס פון ים ווי זיי זאָגן איינער צום אַנדערן, „קום לאָמיר לויפן כדי צו אָבּוישפּייען פון ים אָט יענעם מאַן וואָס האָט פיל צדקה געטאָן זיין גאַנצן לעבן!" האָט רבי עקיבא זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן, „ברוך אלקים אלקי ישראל וואָס ער האָט אויס־געוועלט אין די רייד פון די תורה און פון די חכמים און זיי האָבן אַ קיום אויף אייביג, ווייל עס איז דאָ מקויים געוואָרן וואָס עס שטייט אין פסוק (קהלת יא, יא) „שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו, דאָס הייסט טו מצוות און מעשים טובים אָן צו מאַכן אַ חשבון ווי איינער וואָס שיקט עפּעס אַוועק מיטן ים, ווייל ענדליך נאָך פילע יאָרן וועסטו צוריק באַצאָלט ווערן דערפאַר. און נאָך איז מקויים געוואָרן דער פסוק (משלי י, ב) „וצדקה תציל ממות" אַז צדקה טוט ראַטעווען פון טויט".

רבי יוסף האָט געזאָגט (גיטין ז, ע"א) אַז איינער טוט צדקה אויך ווען ער האָט געלט פאַר זיך בלויז בצמצום, ווייזט מען אים מער נישט קיין סימנים פון אָרימקייט. ערגעץ אַנדערש (תענית ט, ע"א) ברענגט די גמרא דעם פסוק (דברים יד, כב) „עשר תעשר" וואָס מיינט אַז דו זאָלסט מעשר'ן די תבואה פון פעלד, און דרש'נט דאָס עשר דו זאָלסט געבן צדקה, מעשר, בשביל שתתעשר כדי דו זאָלסט רייך ווערן, פון לשון עשירות. און אַזוי זאָגן אויך די חז"ל (בבא בתרא ט, ע"ב) אַז ווער עס

יאָגט זיך צו געבן צדקה שיקט אים דער אויבערשטער אונטער אַז ער זאָל האָבן גענוג.

**און** אויב דיין יצר הרע וועט דיר צורעדן נישט צו געבן צדקה. ער וועט דיר זאָגן מיט זיין גלאַטן צינגל אַז מען טאָר נישט רחמנות האָבן אויף דעם מענטש. ער וועט דיר פּרוואוון איבערצייגן אַז יענער איז אַ בעל עבירה. ער וועט דיר אָפּמאָלן דעם בילד פון יענעם מיט די שוואַרצסטע פאַרבן, זאָלסטו זיך אָבער נישט צוהערן צו זיינע רייד, ווי די חז״ל זאָגן (בבא בתרא ט, ע״א) „אין בודקין למזונות״ אַז ביי מזונות — צו געבן יענעם עסן — קוקט מען אים נישט נאָך וואָס פאַר אַ מענטש ער איז, נאָר ווען אַן אָרימאַן קומט און בעט מען זאָל אים געבן צו עסן גייט מען אים נישט נאָכקוקן צו איז ער אַ ליגנער וכו׳. און אַזוי אויך זאָגן די חכמים ז״ל (כתובות סח, ע״א) אַז מען דאַרף זיין דאַנקבאַר פאַר די פּאָפּערס און די ליגנער ווייל ווען נישט זיי וואָלטן מיר געזינדיגט יעדן טאָג מיט נישט געבן צדקה גענוג, אָבער אַצינד אַז עס זענען פאַראַן שווינדלער אויף דער וועלט איז כאָטש דאָ אַ לימוד זכות פאַר די וואָס גיבן נישט אַז דאָס איז דערפאַר ווייל פיל פון יענע זענען שווינדלער.

**אדוני** אבי מורי דער הייליגער גאון בעל ערוגת הבשם זי״ע פלעגט זאָגן בדרך צחות אויף דעם וואָס עס שטייט אין „יהי רצון״ וואָס מען זאָגט ביים אַריין גיין אין די סוכה, „ותתן לי זכות לשבת ולחסות בסתר צל כנפיך בעת פטירתי מן העולם ולחסות מזרם וממטר״ ד. ה. דו רבונו של עולם זאָלסט מיר געבן די זכיה צו זיצן און באַשיצט ווערן אונטער די שאָטן פון דיין פליגל, ווען איך וועל נפטר ווערן פון דעם עולם, און צו באַשיצט ווערן פון זרם און מטר (שטורעם און רעגן). איז דאָך זייער שווער וואָס איז דאָ צו בעטן פאַר אַ מענטש וואָס גייט שוין

אוועק פון דער וועלט אז ער זאָל געהיט ווערן פון זרם און מטר, פון שטורעם און רעגן?

נאָר דער תירוץ איז אז זרם און מטר מיינט עפּעס אנדערש. ווייל עס איז דאָך באוואוסט אז עס זענען פאַראַן רמ"ח (248) מצוות עשה, און איינע פון די רמ"ח איז די מצוה פון צדקה. איצט פּאַסירט אָפט מאָל וואָס דער יצר הרע רוקט זיך אונטער און רעדט איין דעם מענטש אז צו געבן צדקה פאַר דעם מענטש איז גאָרנישט קיין מצוה, אדרבה עס קען גאָר זיין אַן עבירה. קומט דאָך אויס לויט די ווערטער זענען נישטאָ קיין רמ"ח מצות נאָר זר"ם (247) מצוות עשה, ווייל איינס, די מצוה פון צדקה, פעלט דאָך. ווידער קומט דער יצר הרע פיל מאָל און ער וויל צו געבן אַ פרישע מצוה צו די רמ"ח מצות און ער פּרואווט איינרעדן דעם מענטש אז אזא און אזא מענטש איז אַ מצוה אים צו דערגיין די יאָרן און אים רודפ'ן, קומט דאָך אויס אז דער יצר הרע גיט צו אַ מצוה ,און אנשטאָט עס זאָל זיין רמ"ח (248) ווערט מט"ר (249). אָבער דער אויבערשטער זאָל אונז אַלע אָפּהיטן פון דעם סאָרט מצוות, און טאַקע אויף דעם בעט מען ווען מען גייט אוועק פון דער וועלט מען זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון זרם און מטר, פון די סאָרט מצוות וואָס דער יצר הרע טרעפט אויף.

איינער וואָס מאַכט זיך נישט וויסנדיג, ער פאַרהוילט זיינע אויגן פון צדקה, ווערט ער געשטראָפט ווי איינער וואָס איז חלילה מחלל שבת און דינט עבודה זרה, ווי מיר געפינען ביי רב פפא (בבא בתרא י, ע"א) וואָס איז אַרויף גע־גאַנגען די שטיגן, און ער האָט זיך אויסגעגליטשט און שיעור נישט אַראָפּ געפאַלן, האָט ער געזאָגט איך בין דאָ כמעט באַשטראָפט געוואָרן ווי חלילה אַ מחלל שבת און אַ עובד עבודה זרה (ווייל די וואָס טוען אָט די צוויי עבירות זענען

חייב סקילה, און לויט די גמרא (כתובות ל, ע״א) איינער וואָס איז חייב סקילה פאַלט אַראָפּ פון דאַך), האָט אים רב חייא געזאָגט, אפשר איז דיר אַמאָל אונטער געקומען אַן אָרימאַן און דו האָסט אים נישט געגעבן צו עסן און דעריבער ביסטו חייב געוואָרן.

אין מדרש רבה (שיר השירים ו, יז) ווערט געבּרענגט אַז רבי לוי זאָגט „אַ טיר וואָס איז נישט אָפן פאַר צדקה וועט זיין אָפן פאַרן דאָקטער חלילה״. און מיט דעם האָב איך געזאָגט צו מפרש זיין די משנה אין מסכת שבת (דף קנג, ע״א), „מי שהחשיך לו בדרך נותן כיסו לנכרי ואם אין עמו נכרי מניחו על החמור, הגיע לחצר החיצונה נוטל את הכלים הנטלים בשבת, ושאין ניטלים בשבת מתיר החבלים והן נופלים מאליהם״ (דער פשוט׳ער פשט איז אַזוי; איינער וואָס איז געווען ערב שבת פאַרנאַכט אונטערוועגנס און עס איז צוגעפאַלן דער שבת און ער האָט מיט זיך זיין געלט אָדער אַנדערע מוקצה זאַכן וואָס מען טאָר נישט טראָגן אין שבת קיין פיר איילן, זאָל ער אָהין געבן זיין בערזל געלט פאַר אַ גוי. טאָמער האָט ער נישט קיין גוי מיט זיך, זאָל ער דאָס אַנידער לייגן אויף זיין אייזל. ווען ער קומט אָן אין שטאָט צום הויף פון זיין הויז מעג ער אַראָפּנעמען די נישט מוקצה זאַכן פון אייזל און אַריינ־טראָגן זיי אין הויז, און די אַנדערע מוקצה זאַכן מעג ער נאָר אויפבונדן די שטריק פון אייזל כדי אַז דאָס זאָל אַראָפּ פאַלן אויף דער ערד).

מיר געפינען אַז דרך מיינט צדקה, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי טז, לא) „בדרך צדקה תמצא״. איצט איז דער פשט אין די משנה אַזוי, „מי שהחשיך לו בדרך״ ווען עס איז פינסטער געוואָרן אין דעם וועג פון צדקה, און ער גיט נישט קיין צדקה חלילה, וועט זיין דער סוף אַז „נותן כיסו

לנכרי" ווי מיר געפינען (בבא בתרא י, ע"א) רבי יוחנן בן זכאי האט געזען אין זיין חלום מוצאי יום כיפור אז זיין שוועסטער'ס קינדער וועלן שאדן האבן זיבן הונדערט דינרים אין לויף פון יענעם יאר, האט ער גענומען ארויס שלעפן פון זיי געלט אויף צדקה. במשך פון דעם יאר האט ער פון זיי געקראגן 683 דינרים, און צו די זיבן הונדערט האט געפעלט נאך זיבעצן, ערב יום כיפור זענען געקומען צו זיי אין הויז שליחים פון קיסר און געפאדערט פון זיי די סומע פון זיבעצן דינרים. און אזוי אנשטאט צו דערלייגן די גאנצע סומע פון 700 דינרים אומזיסט האבן זיי געהאט די זכיה אז די געלט זאל גיין פאר צדקה.

**און** דאס איז דער מיינונג דא אין די משנה „מי שהחשיך לו בדרך" ווער עס גייט אין פינסטערן וועג און גיט נישט קיין צדקה „נותן כיסו לנכרי" דערלייגט צום סוף דאס געלט פארן גוי. „ואם אין עמו נכרי" אז עס קומען נישט צו אים גויים דאס בארא‏בעווען, „מניחו על החמור", וועט ער מוזן אויסגעבן זיין געלט אויף זיין אייגענעם חומר און גוף ד. ה. ער וועט דאס פארשווענדן פאר דאקטוירים אויף קרענק חלילה, ווי דער אויבנדערמאנטער מדרש אז ווער עס עפנט נישט זיין טיר פאר צדקה וועט דאס מוזן עפענען פאר א דאקטער חלילה. „הגיע לחצר החיצונה" ווען ער קומט אן צום דרויסנדיגן חצר דאס איז דער בית החיים וועלכע איז אינדרויסן פון שטאט, נאך זיין פטירה, „נוטל את הכלים הניטלים בשבת" קען ער מיט נעמען מיט זיך נאר די מצוות און מעשים טובים וואס מען נעמט אין שבת, וואס שבת הייסט דער עולם הבא, „ושאינם ניטלים הן נופלים מאליהן" די איבעריגע זאכן ווערט פארפאלן פון זיך אליין, פון דעם בלייבט גארנישט איבער. דעריבער דארף דער מענטש זיין זייער געווארנט אז זיינע טירן זאלן שטענדיג זיין אפן צו טאן מצוות צדקה און גמילות חסדים ווי ווייט ער קען.

**און** אין דעם זעלבן ענין איז מיר אויך איינגעפאלן צו פאר־ענטפערן די קשיא פון רשב״א (שו״ת ח״א סימן יח) פארוואס מען מאכט נישט קיין ברכה אויף די מצוה פון צדקה. און די ראשונים פארענטפערן דאס דערפאר ווייל עס איז מעגליך אז דער ארימאן וועט נישט ווילן נעמען זיין צדקה, וועט דאך אויסקומען אז די ברכה וועט זיין חלילה א ברכה לבטלה. אבער עס בלייבט דאך אלץ שווער, ווייל דאס איבער־ווינגדע מערהייט פון ארימע לייט שטייען דאך און זיי בעטן אז מען זאל זיי געבן צדקה, איז דאך דארט נישט פאראן דער חשש אז דער ארימאן וועט נישט ווילן צונעמען די צדקה, טא פארוואס זאל מען דעמאלט נישט מאכן קיין ברכה אויף די גרויסע מצוה, פונקט ווי מען מאכט א ברכה אויף אלע אנדערע מצוות?

**דעריבער** האב איך פארענטפערט לויט די גמרא אין מסכת תענית (דף כא, ע״א) אז נחום איש גם זו איז ל״ע געווען בלינד, און ער האט נישט געהאט קיין הענט און נישט קיין פיס, האבן אים די תלמידים געפרעגט „אז דו ביסט אזא גרויסער צדיק פארוואס ביסטו אזוי געשטראפט געווארן?״ האט ער זיי געענטפערט „קינדער, איך האב זיך דאס אליין גורם געווען, ווייל אמאל בין איך געגאנגען אונטערוועגנס און איך האב געהאט מיט מיר דריי פולע וועגענער, איינס מיט עסן, און איינע מיט טרינקען, און די אנדערע מיט אנדערע געשמאקע פרוכטן. איז געקומען אן ארימאן און זיך אוועק געשטעלט און מיר געבעטן איך זאל אים געבן צו שפייזן. האב איך אים געזאגט, ווארט נאר ביז איך וועל אראפ נעמען פון דעם וואגן. ביז איך האב זיך א ריר געטאן כדי צו אראפ נעמען פון אייזל איז דער דערשלאגענער ארימאן נעבעך אנידער געפאלן טויט. בין איך געגאנגען און איך בין געפאלן אויף אים און גע־זאגט, מיינע אויגן וואס האבן צוגעזען דיין צער און נישט

געשוינט דיינע אויגן, זאָלן בלינד ווערן, מיינע הענט וואָס האָבן נישט רחמנות געהאַט אויף דיינע הענט, זאָלן אָפּגעהאַקט ווערן, וכו׳, א. א. וו.״

**זעען** מיר דאָך דערפון אַז די מצוה פון צדקה קען זיך ווענדן אין איין סעקונדע, ווי מיר זעען אַז ביז נחום איש גם זו האָט זיך אַ ריר געטאָן איז יענער אָרימאַן געשטאָרבן פון הונגער. דעריבער האָט מען נישט מתקן געווען צו מאַכן אַ ברכה אויף די מצוה פון צדקה ווייל מען האָט חושש געווען אַז ביז ער וועט זיך אויסרישן כדי צו מאַכן די ברכה מיט כוונה ווי עס געהער צו זיין קען חלילה דער אָרימאַן אויסגיין. און לויט מיין מיינונג איז דאָס אַ ריכטיגער פשט אויף די הארבע קשיא.

◆

## ז.

## ביקור חולים

**אזוי** אויך זאָל זיין ביי אייך זייער חשוב די מצוה פון ביקור חולים, ווי די חז״ל זאָגן (נדרים לט, ע״ב) אַז ביקור חולים האָט גאָרנישט קיין שיעור, אפילו אַ גרויסער חשוב׳ער מאַן דאַרף מבקר חולה זיין אַן איינפאַכן פשוט׳ן איד, און אפילו הונדערט מאָל אַ טאָג, וויפיל עס פעלט אוים. און איז דען דאָס נישט גענוג וואָס רבי עקיבא האָט געזאָגט (שם מ, ע״א) אַז ווער עס גייט נישט מבקר חולה זיין איז דאָס ווי ער וואָלט חלילה פאַרגאָסן בלוט. ביי רבי עקיבא איז טאַקע געווען אַ מעשה אַז איינער פון זיינע תלמידים איז קראַנק געוואָרן און

דער רבי ר׳ עקיבא איז אריין צו אים און ער האט אויפ־געראמט די הויז און אויסגעקערט די שמוץ. האט אים דער תלמיד געזאגט רבי! האסט מיר אויפגעלעבט! נאך זאגן דארט די חז״ל אז ווער עס איז מבקר חולים ווערט ניצול פון גיהנום. און רב דימי זאגט אז דאס איז גורם אז ער זאל לעבן, ווייל אז מען זעט דעם קראנקן אין זיין מצב איז מען אויף אים מתפלל און אזוי ווערט ער געראטעוועט פון טויט.

**וואס** זאל איך אייך זאגן, איין חכם כבעל נסיון, איך ווייס דאס פון מיר זעלבסט, אז פיל מאל ווען איך בין געווען נישט געזונט און עס איז געקומען א גוטער פריינט מיר מבקר זיין און ער האט גערעדט אויף מיין הארצן גוטע רייד, איז אין מיר ממש אריין א נייער גייסט און איך האב אויפגעלעבט דערפון.

**מיין** מיינונג איז אז דער עיקר מצוה פון ביקור חולים איז מען זאל זיך פאראינטערסירן גוט אויפן מהות פון די מחלה, אויב ער דארף עפעס א רפואה וואס מען קען אים שאפן, און זען צו די הויז לייט זיינע האבן פרנסה און וואס צו עסן, און אזוי אויך צו האט ער געענוג אויף די מעדיצינען א. ד. ג. וואס עס פעלט אים אויס.

**מצוה** גוררת מצוה, איין מצוה ברענגט נאך זיך די צווייטע, און מיט דעם וואס מען איז מקיים די מצוה פון ביקור חולים טוט מען אויך מקיים זיין נאך א מצות עשה מדאורייתא פון „לדבקה בו״ (דברים י, כ) זיך באהעפטן אין אויבערשטן כביכול, און די מצות עשה פון „והלכת בדרכיו״ (דברים יג, ה), דו זאלסט גיין אין דעם אויבערשטנס וועגן. ווי אונזערע חז״ל זאגן (סוטה יד, ע״א), וואס איז דאס וואס עס שטייט אין פסוק „אחרי ה׳ אלקיכם תלכו״ איר זאלט גיין נאכן אויבערשטן, צו קען דען א מענטש נאכגיין נאך די שכינה כביכול? נאר דער

פשט איז אז מען זאָל גיין אין די וועגן פון באַשעפער נאָך זיינע מידות, אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט מבקר חולה געווען, ווי עס שטייט (בראשית יח, א) „וירא אליו ה׳ באלוני ממרא״, אַז דער אויבערשטער האָט זיך באַוויזן צו אברהם אבינו כדי אים צו מבקר חולה זיין (זע רש״י אויפן אָרט), אַזוי זאָלסטו אויך מבקר חולים זיין.

**און** לויט מיין מיינונג איז דאָס אויך אַ גרויסע סגולה צו פרנסה טובה און צו אַלע גוטע זאַכן. און דאָס איז לויט די גמרא (בבא בתרא י, ע״א) וואָס זאָגט, וואָס איז דאָס וואָס שטייט אין פסוק (משלי יט, יז) „מלוה ה׳ חונן דל״ ד. ה. אַז איינער איז אַ חונן דלים, ער טוט צדקה און חסד מיט אָרימע צובראָכענע לייט, ווערט ער אַ מלוה פאַר כביכול. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין בפירוש׳ער פסוק וואָלט מען דאָס נישט געקענט זאָגן, ווייל עס קומט אויס אַז „עבד לוה לאיש מלוה״ (משלי כב, ז) ד. ה. אַז דער לוה דער וואָס באָרגט געלט ביי איינעם ווערט ווי אַ קנעכט צו דעם וואָס האָט אים געגעבן די הלואה, קומט דאָך אויס אַז אויב דער חונן דלים ווערט אַ מלוה פאַר כביכול דעם אויבערשטן, איז דאָך „עבד לוה לאיש מלוה״. און מיר געפינען אין מסכת נדרים (דף מ, ע״א) אויפן פסוק (תהלים מא, ב) „אשרי משכיל אל דל״ אַז דל מיינט אַ חולה אַ קראַנקן. אויב אַזוי אַז איינער איז מבקר חולה, ער קוקט זיך אַרום אויף אים און זאָרגט פאַר זיינע רפואות און אַנדערע געברויכן, הייסט ער דאָך אַ חונן דלים, ווערט ער דאָך דערמיט אַ מלוה פאַר כביכול דעם אויבערשטן, ווערט דאָך כביכול ווי אַן עבד פאַר דעם וואָס טוט אָט די גרויסע מצוה, און אויב אַזוי וועט אים געוויס קיינמאָל גאָרנישט פעלן און ער וועט געניסן פון אַלעם גוטס.

◆

## ז.

# לבוש — מותרות

**וועגן** דאס אויפפירונג פון אייער הויז, און הויפטזעכליך וועגן דעם ענין פון גידול בנים, וויל איך אייך בעטן זייער שטארק איר זאלט מיט מיר טאן אן אמת'ן חסד זיי צו ער־ציען און זיי פירן אויפן דרך ישראל סבא. און בפרט מיטן טראכט, מיט די טראגע, זאלט איר מקפיד זיין זיך נישט צו אנטאן גוי'אישע קליידונג. און עס איז פאראן א קלארער פסוק (צפני' א, ח) וואס ווארנט קעגן די וואס קליידן זיך אין גוי'אישע קליידער. איר זאלט אויך זיין געווארנט זיך נישט צו אנטאן צו טייערע קליידונג וואס איז איבער אייער יכולת, און כל שכן אז מען זאל נישט גיין מיט גאר טייערע צירונג און קליידונג אפילו ווען איר קענט זיך דאס לייסטן צוליב עשירות, ווייל דאס ברענגט אן נאר שלעכטס מיט אנטיסעמיטיזם. דאס איז גורם קנאה ושנאה און דאס ערוועקט די ביטערע פיינטשאפט פון די גויים אויף אונז, ווי עס איז באוואוסט אז דאס גאנצע אנטיסעמיטיזם שטאמט פון דעם געפערליכן ווארצל ווייל זיי זענען מקנא און דערנאך באקומען זיי שנאה אויף אידן ח.

---

ח) דער ערוגת הבשם אין פרשת ויחי (ד"ה ויחי יעקב וגו') שרייבט, דער נסיון האט באוויזן אז געוויינליך ווערט דער גלות דורך דעם וואס אידן רייצן אן אויף זיך די פעלקער דורך זייער שטאלץ. אויך אין גלות מצרים איז דאס געווען די אורזאך צום אנהויב ווי עס שטייט אין פסוק (שמות א, ז) "ויעצמו במאוד מאוד", און דער בינה לעתים זאגט אז מאוד מיינט מען פארמעגן פון לשון "ובכל מאודך", ד. ה. אז אידן האבן זיך געשטארקט מיט זייער פארמעגן. און אומעטום זענען זיי געווען בראש, און דעריבער האבן די מצרים זיך מתקנא

**און** איך האָב געהערט זאָגן אַז אויך אַצינד אין אַט דעם יאָר וואָס בעוונותינו הרבים האָט מען גענומען רודפ'ן און פייניגן מיט שרעקליכע צרות, און אויך אַרויסטרייבן די אידן פון דייטשלאַנד, האָט זיך דאָס אויך אָנגעהויבן פון דעם ענין, ווייל זיי האָבן גע'טענה'עט אַז די אידן טוען צונעמען און אויס־נאַרן די געלטער פון אַלגעמיינעם פאָלק, און די ראי' איז אַז מיט אַזעלכע טייערע קליידער און צירונגען וואָס די אידן גייען, קענען זיך נישט ערלויבן צו גיין דער גוי'אישער המון עם ט.

---

געווען, און זיי האָבן געזאָגט „הבה נתחכמה לו" לאָמיר זיך איבער קלוגן און טראַכטן וואָס מען קען טאָן וועגן די אידן.

און עס איז כדאי דאָ צו ברענגען די ווערטער פון כלי יקר אין פרשת דברים אויפן פסוק (דברים ב, ג) „רב לכם סוב את ההר הזה פנו לכם צפונה" זאָגט ער אַז צפונה איז פון לשון „הצפנה" — באַהאַלטן, ווייל ווען אַ איד זעט הצלחה און קומט צו צו עשירות דאַרף ער דאָס באַהאַלטן פון די אויגן פון עשו, ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל נאָך אַזוי שטאַרק מקנא זיין די אידן ווי די קינדער פון עשו ווייל זיי האַלטן אַז אַלעס וואָס דער איד פאַרמאָגט איז גע'גזל'ט פון זיי ווייל יעקב אבינו האָט צוגענומען די ברכות פון עשו. און דאָס איז פונקט פאַרקערט פון וואָס די אידן טוען אין אונזער דור אין די פרעמדע לענדער און לידער ווער עס האָט אַביסל געלט ווייזט שוין אַרויס אין דרויסן און ער בויט זיך שיינע הייזער און טוט זיך אָן רייך, ווי ער וואָלט געווען אַ וועלט'ס עושר, און די אידן זענען עובר אויף דעם פנו לכם צפונה, און די שענדליכע מידה ברענגט אָן אַלע פלאָג און צרות וואָס עס טרעפט אונז אידן, און די פאַרשטענדליכע זאָלן זיך נעמען אַ מוסר דערפון, עכ"ל.

ט) און לויט דעם קען מען פאַרשטיין די גמרא (שבת קלט, ע"א) „אמר רב פפא אי בטלי יהירי" אויב עס וועלן בטל ווערן די שטאָלצע

**און** קען אויך זיין אז דאס איז אויך געווען די סיבה פון חורבן בית המקדש ווי דער פסוק זאגט (ירמי' ט, י־יא) „על מה אבדה הארץ וגו' ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם ולא הלכו בה" ד. ה. „פארוואס איז די לאנד (ארץ ישראל) פארלוירן געגאנגען וכו'? האט דער באשעפער גע־ענטפערט ווייל זיי האבן פארלאזט די תורה וואס איך האב זיי געגעבן און זענען נישט געגאנגען אין איר וועג", דאס מיינט אז זייער גאנג איז נישט געווען אויסגעהאלטן לויט די תורה און לויט רוח ישראל סבא, ווי עס שטייט אין ישעי' (ג, טז) אז דער חורבן איז געקומען ווייל די טעכטער פון ציון זענען געגאנגען אויסגעלאסן מיט געהויבענע קעפ און אויס־געשטרעקטע העלזער, זיך געפארבט די אויגן, און מיט די פיס פלעגן זיי קלאפן אין אן אויסגעלאסענעם וועג.

**מיט** דעם האב איך געזאגט צו אויסטייטשן די גמרא (כתובות סב, ע"א) ווי עס שטייט דארט „ההוא עכו"ם וישראל דהוי קאזלי באורחא" א גוי מיט א איד זענען געגאנגען אמאל אויפן וועג צוזאמען, „לא אימצי עכו"ם לסגויי בהדי ישראל" האט דער גוי נישט געקענט נאכיאגן דעם איד ווייל דער איד איז געגאנגען גיכער, „אידכר חורבן בית המקדש" האט אים דער גוי דערמאנט וועגן דעם חורבן בית המקדש, אבער „ואפילו הכי לא הוי מצי להלוך עמו" ער האט אים נאך אלץ נישט געקענט אניאגן דעם וועג. „אמר ליה לאו אמריתו אנחה שוברת גופו של אדם" האט אים דער גוי געפרעגט, דו האסט דאך מיר געזאגט אז א טיפער קרעכץ טוט צוברעכן דעם גוף

---

אידן וואס רייסן אויף די אויגן מיט זייער גוי'אישע און שטאלצע קליידונג, „בטלי אמגושי" וועלן בטל ווערן די מסיתים ומדיחים וואס ברענגען א שנאה אויף אונז אידן.

פון מענטש, נו, אז איך האב דיר אצינד דערמאנט דעם חורבן בית המקדש וואס טוט דיר אזוי שטארק וויי האסטו דאך גע־דארפט שוואכער ווערן, טא פארוואס קען איך דיר נאך אלץ נישט נאכיאגן? „אמר ליה הני מילי חדשה אבל ישנה לית לן בה" האט אים דער איד צוריק געענטפערט דאס איז נאר ביי א נייעם אומגליק וואס האט נאר וואס פאסירט, דעמאלט צוברעכט דאס דעם פיזישן צושטאנד פון מענטש, אבער אן אלטער אומגליק ווי גרוים עס זאל נישט זיין איז שוין נישט אזוי משפיע אויפן מענטש. דאס איז דער פשוט'ער פשט פון די גמרא.

**האב** איך געזאגט דערויף אז מען קען לערנען דערין א מוסר השכל און דאס אויסטייטשן אזוי, „ההוא עכו"ם וישראל דהוי קאזלי באורחא" א איד מיט א גוי זענען געגאנגען אויף דעם זעלבן וועג, ד. ה. דער איד האט זיך צוגעגליכן צום גוי מיט זיין קליידונג און צירונג א. ד. ג. אבער דער איד איז געגאנגען גיכער און דער גוי האט זיך קיינמאל נישט געקענט ערלויבן וואס דער איד האט געהאט, דער איד האט אלץ געהאט מער, האט אים דער גוי דערמאנט דעם חורבן בית המקדש וואס איז אויך געווען צוליב אט די זעלבע סיבה ווי אויבנ־דערמאנט.

**דעריבער** דארף א איד זארגן און קרעכצן דערויף און זיך נישט אויסצירן מיט אזעלכע טייערע קליידער און תכשיטים, און נישט אלעמאל זיין די ערשטע מיט די אומ־ווירדיגע מאדעס אויף דער וועלט און ווי עס שטייט אויך אין שולחן ערוך אורח חיים (סימן תק"ס). און לויט מיין מיינונג ברענגט דאס גיין נאך די מאדעס אויך ענדליך צו גניבה, גזילה און אפילו רציחה. ווי איך האב אליין געזען אייניגע מענטשן וואס גייען מיט די טייערסטע קליידונג, און זייערע הויז

מענטשן טראגן די טייערסטע צירונגען און דאס אלעס מיט יענעמס געבארגטע געלט, און דער סוף איז אז זיי קענען זיך נישט ערלויבן די תאוות זייערע און אזוי באנקראטירן זיי און גיבן נישט אפ די פרעמדע געלט וואס זיי האבן פארשוועדעט,
צו איז דען דא אן ערגערע גזילה און רציחה דערפון?

די גמרא זאגט אין חגיגה (דף ט, ע״ב) „יאה עניותא לישראל״ ארימקייט איז שיין פאר אידן ווי א רויטער באנד פאר א ווייסן פערד, איז דאך שווער צו פארשטיין וואס איז דער צוגלייך? נאר דער תירוץ איז ווייל די חז״ל האבן שטענדיג געוואלט לערנען די אידן אז זיי זאלן נישט אויפרייסן די אויגן פון די שכנים מיט זייער רייכקייט, ווי יעקב אבינו ע״ה האט געזאגט פאר זיינע קינדער (בראשית מב, א) „למה תתראו״ פארוואס זאלט איר ווייזן פאר די בני עשו און בני ישמעאל אז איר זענט זאט און האט גענוג פון אלעמען אין דער צייט וואס איף דער וועלט הערשט א הונגער און מען האט נישט וואס צו עסן, דורך דעם וועט איר חלילה ערוועקן אויף אונז קנאה ושנאה און אנטיסעמיטיזם.

דעריבער האבן די חז״ל צוגעליכן און געברענגט א משל און א ביישפיל פון דעם פערד, ווייל אזוי ווי דעם פערד טוט מען נישט אן קיין צירונגען ווען ער געפינט זיך אין שטאל, נאר ווען ער גייט ארויס אויפן גאס אין וועג אריין, דעמאלט באפוצט מען אים מיט צירונג. אזוי אויך ארימקייט פאר אידן איז גוט אז עס זאל זיך זען אינדרויסן אויף דער גאס, דארט דארף קיינער נישט ווייסן ווי ווייט דעם אידנ׳ס רייכקייט דערגרייכט, כדי מען זאל זיך נישט מקנא זיין אין אים, אבער אינעווייניג אין דער היים, אדרבה, זאל ער לעבן באקוועם מיט די גרעסטע גליק.

**דעריבער** בעט איך נאכאמאל אז די טעכטער זאלן חלילה נישט גיין אומ׳צניעות׳דיג מיט אויפגעדעקטע הענט אדער אנדערע לייב פון קערפער וואס דאס איז געווען איינע פון די גרויסע עבירות פון דור המבול וואס איז אויס־געמעקט געווארן ווי עס איז באוואוסט, (זע תרגום יונתן בראשית ו, ב), און אז איר וועט גיין בצניעות און זיך אפהיטן פון אויסגעלאסנקייט דעמאלט וועט רוען אין אייערע הייזער גליק און צופרידנהייט.

◆

## ח.

## יסודות פון אידישקייט

**און** אין דעם ענין האב איך אויך געזאגט צו מפרש זיין אויף דעם וואס די חז״ל האבן מקפיד געווען און אין די הלכה איז אויך אזוי גע׳פסק׳נט (רמ״א יורה דעה סימן רע״ג סעיף ו׳) אז ביים שרייבן א כשר׳ע ספר תורה דארף מען מקפיד זיין אז די פאלגענדע ווערטער, וועמענס סימן איז **ביה שמו**, זאלן אויסקומען אין אנהויב פון די עמודים וואו זיי שטייען. און זיי זענען; בראשית ברא אלקים (בראשית א, א), יהודה אתה יודוך אחיך (בראשית מט, ח), הבאים אחריהם בים (שמות יד, כח), שמר לך (שמות לד, יא), מה טובו אוהליך יעקב (במדבר כד, ה), ואעידה בם את השמים ואת הארץ (דברים לא, כח).

**די** סיבה וואס די פסוקים מוזן זיין אין שפיץ פון זייערע עמודים איז דערפאר ווייל אין זיי זענען באהאלטן די יסודות פון חינוך צו אידישקייט. בראשית יהודה אתה

יודוך אחיך, דאס הייסט **ב**ראשית צום אנהויב דארף א איד וויסן אז "יהודה אתה יודוך אחיך, אז א איד דארף גיין אזוי אז אויך די ברידער אינדרויסן זאלן דיר דערקענען מיט די אידישע טראגע, און ער זאל זיך נישט שעמען פון די וואס לאכן אים אפ, ווי דער רמ"א שרייבט אין אנהויב שולחן ערוך אורח חיים. און דער אדון הנביאים משה רבינו ע"ה איז באשטראפט געווארן, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש,* דערפאר וואס ער האט געהערט ווי די טעכטער פון יתרו האבן געזאגט אויף אים אז ער איז א „איש מצרי" (שמות ב, יט) און נישט פראטעסטירט זאגנדיג אז ער איז א איד. און זע אויך אין מדרש רבה (שיר השירים פרק ו, יז) : „כך הם ישראל", אזוי זענען אידן, „כל מקום שאחד מהם הולך" צו יעדן ארט וואו איינער פון זיי גייט, „אינו יכול לומר שאינו יהודי", קען ער נישט זאגן אז ער איז נישט קיין איד, „מפני שהוא ניכר" ווייל מען דערקענט אויף אים, „הה"ד (ישעי' סא, ט) כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה'", ווי דער פסוק זאגט יעדער וואס וועט זיי זען וועט דערקענען אז דאס זענען קינדער געבענטשטע פון אויבערשטן.

**דערנאך** קומט **ה**באים אחריהם, דאס מיינט אז פאר א איד איז נישט גענוג מיט דעם וואס ער אליין איז א ערליכער וואס פירט זיך אין דרך התורה והמצוות, נאר ער איז מחוייב אויך צו משתדל זיין אז זיינע קינדער און די דורות נאך אים הבאים אחריהם וואס וועלן קומען שפעטער, זאלן אויך זיין אידן ווי עס געהער צו זיין. דערנאך גייט **ש**מר דאס איז מרומז אויף די דריי מצוות שבת, מילה, ראש חודש, וואס זענען ראשי תיבות שמ"ר, אויף וועלכע די אידן האבן זיך מוסר נפש געווען אין די צייטן פון די חשמונאים ווען די יונים האבן געוואלט חלילה אויסרייסן די תורה פון אידן, און מבטל זיין אט די דריי מצוות.

* (דב"ר ב', ח').

**נאכדעם** גייט **מה טובו אוהליך יעקב** וועלכע מיינט די שולן און בתי מדרשות אז מען זאל זיין געווארנט מיטן דאווענען און זיין אפגעהיטן אז דאס זאל זיין אין שול מיט א מנין דריי מאל א טאג ווי די חז״ל האבן געזאגט (ברכות ח, ע״א) אז דער וואס האט א שול אין זיין שטאט און גייט נישט אריין אהין דאווענען הייסט ער א שלעכטער שכן, און אויך איז מרומז דערין דאס וואס רש״י זאגט אויפן פסוק מה טובו אז דאס האט געזאגט בלעם אין זיין נבואה ווייל ער האט געזען אז ביי די אידן אין מדבר זענען די טירן פון זייערע געצעלטן געווען אויסגערעכנט אז זיי זאלן נישט זיין איינע פונקט אנטקעגן די אנדערע כדי מען זאל נישט אריין קוקן איינער ביים צווייטן וואס טוט זיך דארטן, ווייל אלע קריגערייען און קנאות און שנאות קומען פון דעם וואס איינער קוקט אריין ביים צווייטן אין טעפל און עס אינטערעסירט אים צופיל צו וויסן וואס טוט זיך ביי יענעם. דעריבער האט מען מקפיד געווען אז דער עמוד אין די תורה זאל זיך אנהויבן מיט די ווערטער **מה טובו אוהליך יעקב**, כדי צו דערמאנען אז מען זאל זיין געווארנט מיט דעם ענין.

**דאס** לעצטע איז דער עמוד **ואעידה בם את השמים ואת הארץ**, ווייל דאס מיינט צו זאגן אז אויב איר וועט מקיים זיין די אלע אויבנדערמאנטע זאכן, דעמאלט **ואעידה בם את השמים ואת הארץ**, ווי רש״י זאגט דאס אין אנהויב פון פרשת האזינו (דברים לב, א) אז דעריבער האט משה רבינו ע״ה געברענגט פאר עדות הימל און ערד, ווייל זיי שטייען דאך אייביג אייביג וועלן זיי קענען אלעמאל עדות זאגן. און אויב די אידן וועלן זוכה זיין וועלן די עדות קומען אליין און שענקען פאר די אידן זייער שכר, פון הימל וועט גיין גשמי ברכה און די ערד וועט ארויסגעבן אירע תבואה און פרוכט, אמן כן יהי רצון.

לויט אנדערע שיטות וואס ווערט געברענגט אין ש״ך (אין יורה דעה) איז דער ש נישט שמר לך נאר שופטים ושוטרים תתן לך, און לויט דעם קומט אויך אוים גוט, ווייל מען דארף זיין געווארנט און אכט געבן אז די שופטים די דיינים זאלן זיין אמת׳ע יראי שמים און תלמידי חכמים, ווייל דער גוף גייט נאכן קאפ. אז איר וועט האלטן אט די זאכן פון דעם סימן כי״ה שמו נאנט צום הארץ און איר וועט דאס שטענדיג געדענקן און מקיים זיין ווי מיר האבן געשריבן דא, דעמאלט וועט דער אויבערשטער אייך העלפן אז איר וועט מצליח זיין אין אלעם וואס איר וועט מאכן.

◆

ט.

## תורה

די חז״ל זאגן אין מסכת סנהדרין (דף ז, ע״א) אז אויף דער אנדערער וועלט ווען מען וועט קומען צום בית דין של מעלה וועט מען דאס ערשטע פרעגן אויף תורה, צו מען האט קובע געווען עתים לתורה. דעריבער בעט איך פון אייך אלע מיינע טייערע קינדער און קינדס קינדער, ווער עס געפינט זיך היינט דא און ווער עס געפינט זיך נאך נישט דא, אז איר זאלט זען צו קובע זיין צייטן צו לערנען די תורה הקדושה, און אויך ווען איר וועט זיין פאריאגט מיט גרויסע געשעפטן און דער יצר הרע וועט קומען צו אייך איינצורעדן אייך אז איר האט דאך נישט קיין צייט, זאלט איר זיך נישט צוהערן צו זיינע רייד און איר זאלט זיך גזל׳ען צייט צו לערנען תורה. און דאס

איז די סיבה וואס מען פרעגט אין הימל „קבעת עתים לתורה" (שבת לא, ע"א) און מען פרעגט נישט „למדת תורה?" ווייל קבעת איז פון לשון גזילה, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כב, כג) „וקבע את קובעיהם נפש", וועגן דעם פרעגט מען, צו האסטו זיך אראפ גע'גזל'ט צייט צו לערנען תורה כאטש דו ביסט געווען פאריאגט און פארנומען מיט געשעפטן און אנדערע זאכן. און א ראי' קענט איר זען פון רבי אלעזר בן חרסום וועלכער האט פארמאגט געוואלדיגע עשירות (זע יומא לה, ע"ב) און ער איז געגאנגען פון שטאט צו שטאט און פון איין לאנד צום אנדערן כדי צו לערנען תורה.

דעריבער זאל דאס זיין ביי אייך שטרענג אפגעמאכט אז עס זאל נישט אריבער גיין אפילו איין טאג אן צו קובע זיין א צייט צו לערנען די הייליגע תורה, און יעדער לויט זיין גרויסקייט וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען זאל ער לערנען צו גמרא און פוסקים, משניות, אדער חומש רש"י, אדער אפילו ספרים אין עברי טייטש וואס זענען געשטעלט אויף אגדות חז"ל וועלכע ברענגען אריין יראת שמים, אדער די ספרים ווי חיי אדם און קיצור שולחן ערוך אין עברי טייטש, יעדער איינער לויט זיין יכולת און לויט זיין קענטעניש און לויט זיין מדריגה, און אז איר וועט אזוי טאן וועט ביי אייך מקויים ווערן די אלע ברכות וואס שטייט אין די תורה און איר וועט זוכה זיין צו אריכות ימים און עושר וכבוד, אמן כן יהי רצון.

## י.

## אמונה

אזוי אויך האבן די חז״ל געזאגט אין מסכת שבת (דף לא, ע״א) אז ביים בית דין הגדול אין הימל פרעגט מען, „נשאת ונתת באמונה?״ צו האסטו געהאנדלט ערליך אין געשעפטן. דעריבער זאלט איר זיין שטארק געווארנט אז אלע אייערע געשעפטן זאלן געפירט ווערן מיט יושר און ערליכקייט, און מיט דעם וועט איר מקיים זיין פילע מצוות עשה ווי למשל, „איפת צדק והין צדק יהיה לכם״ (ויקרא יט, לו) אז זאלסט האבן ריכטיגע מאסן און נישט קיין פאלשע, און ווי די חז״ל האבן גע׳דרש׳נט (בבא מציעא מט, ע״א) אז „הן שלך יהי׳ צדק ולאו שלך יהי׳ צדק״ ד. ה. ווען דו זאגסט יא זאל דאס זיין יא, און ווען דו זאגסט ניין זאל דאס זיין ניין, זאלסט נישט אפנארן קיינעם. און אז עס וועט פארקומען א סכסוך אין געשעפטן, זאלט איר נישט גיין צום גוי׳אישן געריכט נאר אלעס זאל געברענגט ווערן צו דין תורה אדער צו ערליכע קלוגע לייט וואס פארשטייען אין מסחר און קענען ארויס-געבן א ריכטיגן פסק אדער פשרה. און איר זאלט שטענדיג האלטן פאר אייערע אויגן אז א מאגערע פשרה איז אלעמאל ליבערשט ווי א פעטער פסק דין, און דעמאלט וועט מקויים ווערן ביי אייך דער פסוק „ברכת ה׳ היא תעשיר״.

◆

### יא.

## שנאת הלב

**איר** זאלט זיך אכט געבן נישט חלילה צו טראגן קיין כעס אין אייער הארץ אויף א חבר, אן אים צופרעגן אויף די סיבה פון דער זאך, צוליב וואס דו ביסט אויפגעבראכט, ווייל מעגליך אז דאס וואס דו האסט געהערט אויף אים איז גאר א שקר, און ער איז פאקטיש גארנישט שולדיג אין דער זאך וואס ברענגט דיר צו כעס. און אויף דעם איז געזאגט געווארן אין די תורה (ויקרא יט, יז) „לא תשנא את אחיך בלבבך" זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער אין הארצן. און אט איז וואס דער ספר החינוך שרייבט (מצוה רלח) אז שנאת הלב, יענעם צו פיינט האבן אין הארץ, אן אים צו זאגן פארוואס מען האט אויף אים פאראיבל, איז פיל ערגער ווי די אפענע שנאה, און דערויף האט די תורה עקסטער און ספעציעל געווארנט, ווייל עס איז באוואוסט אז שנאת הלב איז גורם געפערליכע שלעכטס צווישן מענטשן און עס קען צו ברענגען צום ערגסטן, דאס ברענגט צו אז מען זאל ארום גיין מיט מסירות איינער אויפן צווייטן און דעריבער איז דאס די נידעריגסטע און מיאוס'טע מידה ביי יעדן רעכט דענקענדן מענטש. עכ"ל.

**און** אזוי זאגט אויך דער הייליגער רמב"ן אויף דעם פסוק, אז דער פסוק מיינט צו זאגן אז דו זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער אין הארץ ווען ער טוט עפעס קעגן דיין ווילן, נאר אדרבה, רעד מיט אים און מוסר אים אוים פארוואס ער האט דאס געטאן. זאלסט נישט האלטן די פיינטשאפט אין הארץ און אים גארנישט זאגן, ווייל אז דו וועסט אים זאגן

וועט ער זיך פארענטפערן און דיר איבערבעטן, ער וועט תשובה טאן און דאן וועט ער האבן א כפרה, עכ"ל. דעריבער זאלט איר דאס שטענדיג געדענקען און דעמאלט וועט אייך נישט געשען קיין שלעכטס.

◆

יב.

און איך, כאטש איך בין יונג, פונדעסטוועגן לעב איך אין א פחד און א מורא ווייל בעוונותי הרבים פארמאג איך זייער ווינציג מצוות, און ווער איז דען דער מענטש וואס עס כאפט אים נישט אן א ציטער פון דעם וואס רבי יוחנן בן זכאי האט מורא געהאט (זע ברכות כח, ע"ב). טראץ דעם אלעם האף איך אז דורך מיינע קינדער און קינדס קינדער, אין וועמען איך זע ברוך ה' א סימן ברכה, דורך זיי וועל איך גערייניגט ווערן פון מיינע זינד, ווייל קינדער זענען מזכה דעם טאטן (סנהדרין קד, ע"א).

דער אויבערשטער זאל מיר העלפן איך זאל זוכה זיין זיי צו מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים געזונטער־הייט און מיט נחת און הרחבת הדעת דקדושה און מיט רייכקייט און כבוד, און עס זאל מקויים ווערן ביי מיר דער פסוק (ישעי' נט, כא) „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה' מעתה ועד עולם" ד. ה. אז די ווערטער פון די תורה וועלן זיך נישט אפטאן פון דיר, פון דיינע קינדער און פון דיינע אייניקלעך, האט געזאגט דער אויבערשטער, פון היינט ביז אייביג אמן כן יהי רצון.

און נאך דעם אלעם בעט איך און איך האף שטענדיג צום רופא חנם געלויבט זאל זיין זיין גרויסער נאמען, אז ער זאל מיר אין גיכן שיקן פון הימל א רפואה שלימה, א רפואת הנפש ורפואת הגוף ווייל פאר אים איז דאך קיין זאך אומ־מעגליך. ער זאל מיר שענקען לאנגע און געזונטע יארן כדי אז איך זאל קענען ערציען אלע מיינע קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבת הדעת דקדושה, און איך זאל שטענדיג וויסן נאר פון גוטס, איך זאל קענען זיצן על התורה ועל העבודה לאורך ימים, און ער זאל מקבץ זיין די אלע נדחי ישראל ווליכנו קוממיות לארצינו במהרה בימינו אמן.

אונטער געשריבן דא אין קהילה קדושה אונגוואר יע"א, מאנטיג פרשת עקב לסדר ברוך תהיה מכל העמים תרצ"ג לפ"ק.

הק' יקותיאל יהודא גרינוואלד
בלאאמו"ר הגה"ק מהר"ם זצלה"ה



**אריגינעלע האנט שריפט פון דעם מחבר זצ"ל**